№ 105 — פרייז 2 קאפ. — Lodzer Tageblatt.

לאדזער טאגעבלאט

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעסען פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, טווארדא 23, טעל. 17-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע אי דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און האכצייטס-אנזייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

5 (18) מאי 1914. — מאנטאג כ"ב אייר תרע"ד — זיבענטער יאהרגאנג

דער פראטעסט געגען יודישע בעגרענצונגען

אויפ'ן צוזאמענפאהר פון די האנדעלס-פארשטעהער.

דער האנדעלס-צוזאמענפאהר געגען יודישע בעגרענצונגען.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) אין די היגע געזעלשאפטליכע און פאליטישע קרייזען האט געמאכט א שטארקען איינדרוק די רעזאלוציע, וואס דער צוזאמענפאהר פון האנדעלס-פארשטעהער האט איינשטימיג אנגענומען, זיך משתדל צו זיין, אז מען זאל מבטל מאכען דעם בעשלוס פון מיניסטערען-ראט איינצופיהרען בעגרענצונגען פאר יודען אין די אקציען-געזעלשאפטען, אז זיי זאלען ניט טארען אויסגעוועהלט ווערען אין די פערוואלטונגען פון די אקציען-געזעלשאפטען, וועלכע בעזיצען אונבעוועגליכע נחלאות א. ד. ג. פיעל זאגען ארויס די מיינונג, אז אין די הויכע ספערען וועט מען זיך רעכענען מיט דעם בעשלוס פון די האנדעלס-פארשטעהער און עס איז צו ערווארטען, אז די בעגרענצונגען וועלען סוף כל סוף בטל ווערען.

פעטערבורג (פ.) עס האט זיך פערמאכט דער צוזאמענפאהר פון די פארשטעהער פון האנדעל און אינדוסטריע. דער קומענדיגע צוזאמענפאהר וועט פארקומען אין יאהר 1915 אין פעטערבורג.

אנ'ענטפער פון זיין מאיעסטעט דעם קייזער.

פעטערבורג (פ.) דער האנדעלס-מיניסטער האט בעקומען פאלגענדע טעלעגראמע פון זיין מאיעסטעט דעם קייזער: „איך בעפאלמעכטיג אייך איבערצוגעבען די האנדעלס-פארשטעהער מיין דאנק פאר די מיר אויסגעדריקטע אלאונטערטעניגסטע געפיהלען און מיין איבערצייגונג, אז זיי וועלען אנווענדען זייער וויסען און ארבייט לטובת דעם פאטערלאנד".

די דאזיגע טעלעגראמע איז אנ'ענטפער אויף די דעפעשע וואס דער האנדעלס-מיניסטער האט צוגעשיקט צו זיין מאיעסטעט דעם קייזער אין נאמען פון די אנטיילנעהמער פון אלרוסישען האנדעלס- און אינדוסטריע-צוזאמענפאהר.

א צוזאמענפאהר פון וואלד-סוחרים.

פעטערבורג (פ.) עס האט זיך געעפענט דער ערשטער אלרוסישער צוזאמענפאהר פון די פארשטעהער פון וואלד-אינדוסטריע און וואלד-מסחר. פארזיצענדער איז דער מיטגליעד פון נאס. סאוועט טימיריאזעוו.

פאר דעם ברודער'ס זינד...

רינא (ספ.) כמט א צייט צוריק האט דער קוראטאר איבער רינא'ער לעהרער-ראיאן שטשערבאקאוו ענטזאגט א לעהרער פון דעמעלער שולע, זעלענקא, דערפאר וואס ער האט זיך בעטייליגט אין דעם בילדונגס-צוזאמענפאהר אין פעטערבורג.

איצט האט זעלענקא צוגעשטעלט א צייגניש פון דעם צוזאמענפאהר-קאמיטעט, אז אויפ'ן צוזאמענפאהר איז געווען ניט ער, נאר זיינער א ברודער, א פעטערבורגער פעדאגאג. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם האט שטשערבאקאוו זיין פעראָרדנונג וועגען ענטזאגען זעלענקא'ן ניט צוריקגעצויגען.

דער אינטערנאציאנאלער שאכמאטען-טורניר.

פעטערבורג (פ.) אין זעקסטען טור פון די זיענער האבען מארשאל און טאראש געמאכט רעמי; לאסקער און אליעכין האבען ניט געענדיגט. קאפאבלאנקא האט 11 געוואונענע פארטיעס, לאסקער 10 און א האלבע, מארשאל 7 און א דריטעל, טאראש 7.

קאסא אין יעקאטערינבורג.

יעקאטערינבורג (פ.) דא איז אנגעקומען דער בילדונגס-מיניסטער קאסא צו בעזיכטיגען די לעהר-אנשטאלטען.

די קייזערין-אלמנה אין בערלין

בערלין (פ.) דעם 4-טען מאי איז אויף דער רייזע קיין לאנדאן דא אנגעקומען די קייזערין-אלמנה מאריא פעאדאראוונא, וועלכע איז בעגלייטעט געווארען פון רוסישען באטשאפטער סווערבעעוו און מיטגליעדער פון דער באטשאפט און פון גענעראל-קאנסול.

פראצעסען.

נאוואטשערקאסק (פ.) דער אקרוזשנאי סוד האט פער'משפט דעם קאזאק קאזאנאוו פאר ערמארדען די אלמנה פון פאלקאווניק דמיטראוווא און די פרוי פון קאראמעטאוו צו 6 יאהר און 8 חדשים קאטארגע.

אנאויפרייס מיט מענשליכע קרבנות.

אלמאזנאיא (ספ.) אויפ'ן יונגווער זאוואד איז פארגעקומען אנ'אויפרייס, בעת וועלכען 10 ארבייטער זיינען שווער פערוואונדעט געווארען. פון די פערוואונדעטע זיינען שוין צוויי געשטארבען. אין א האפנונגסלאזען צושטאנד האט מען אבגעפיהרט 5 ארבייטער און דריי ארבייטער זיינען לייכט פערוואונדעט געווארען.

ווידער קלאנגען, אז מאקלאקאוו דעמיסיאנירט.

די בעראטונג פון די רעגיטרונגס-פארשטעהער אין ליוואדיע.

וועגען מאקלאקאוו'ס דעמיסיע

פעטערבורג (ספ. צ. ל. ט.) לויט די לעצטע ידיעות וואס זיינען דא אנגעקומען איז שוין בעשלאסען געווארען, אז דער אינערן-מיניסטער מאקלאקאוו וועט ארויס אין דעמיסיע.

בארקס רייזע קיין ליוואדיע.

פעטערבורג (ספ.) היינט איז דער פינאנץ-מיניסטער בארק ארויסגעפאהרען קיין ליוואדיע. די דאזיגע רייזע פון מיניסטער גיעט מען צו א פאליטישע בעדייטונג, נאכ'ן בעזונדערס דערפאר וואס מ'האט בארק'ן טעלעגראפיש ארויסגערופען. אין ליוואדיע וועלען איצט דער פרעמיער-מיניסטער גארעמיקין און די מיניסטארען קריוואשעאין, מאקלאקאוו און בארק. מ'האט אויך טעלעגראפיש ארויסגערופען דעם קאווקאזער נאמיעסטניק װאראנצאוו דאשקאוו. אויף דער בעראטונג וועלען צווישען אנדערן אויך בעטראכט ווערען די פראגען וועגען דער עקאנאמישער לאגע פון לאנד.

וועגען דער דזשומא-עפידעמיע

פעטערבורג (ספ.) די ידיעות וועגען דער דזשומא-עפידעמיע וואס זענען פארגעקומען נישט ווייט פון באקו האבען דא געמאכט אנ'אומפרעגענדען איינדרוק. דער הויפט-מעדיצינאל-אינספעקטאר האט בעקומען א פעראָרדנונג אנצונעהמען די ענערגישסטע מיטלען צו קעמפפען געגען דער עפידעמיע.

טאקיא (פ.) דא זיינען פארגעקומען 15 נייע דזשומא-פארפאלען.

באקו (פ.) אין דארף טורקיאן איז אין משך פון די צוויי טעג איינער געשטארבען. קיין נייע ערקראנקונגען זענען נישט פארגעקומען.

לופט-פליה-קאטאסטראפעס.

ווילנא (פ.) דער שטאבס-קאפיטאן טאפטשעוו איז בעת זיין לופט-פליה אראבגעפאלען מיט'ן אפאראט און שווער פערוואונדעט געווארען, דער אפאראט איז צוברעכען געווארען.

א צייטווייליגער פרעזידענט.

ליסא (פ.) אלס צייטווייליגער פרעזידענט פון דער רעפובליק איז אויסגעוועהלט געווארען פאלקאווניק בענאווידעס. די איבריגע קאנדידאטען, וועלכע זיינען נישט איינשטימיג מיט די נייע וואהלען האבען זיך אבגעזאגט צו אנערקענען דעם נייעם פרעזידענט און האבען פראטעסטירט פאר'ן דיפלאמאטישען קארפוס. בענאווידעס ווערט אונטערשטיצט פון דער ארמעע.

בעשאסען א שיף.

מאברוק (פ.) אין דער נאכט אויפ'ן 2-טען מאי איז צווישען באריא און ראשעלמיל פארגעקומען א קאטאסטראפע מיט דער שיף „סאלפערינא", בעת מ'האט עטליכע פערזאן אראבגעזעצט אויף א שיפעל האבען די בעדויאינער געעפענט א שיסעריי, בעת וועלכער 2 פערזאן זיינען דערהרג'עט און דריי זיינען פערוואונדעט געווארען. צו ראטעווען די איבריגע האט מען ארויסגעשיקט שיפען.

צום פראצעס פון מאדאם קאיא.

פאריז (פ.) דער פראקוראר האט אונטערגעשריבען דעם בעשולדיגונגס-אקט וועגען אנקלאגען אין געריכט מאדאם קאיא פאר א פאראיס-בערעכענטען מארד.

וועגען געזונדצושטאנד פון קייזער פראנץ-יאזעף.

ווין (פ.) דער אפיציעלער ביולעטען וועגען געזונדצושטאנד פון קייזער פראנץ יאזעף מעלדעט: אין געזונדצושטאנד פון קייזער זיינען קיין שום ענדערונגען נישט פארגעקומען. דער קייזער האט ווי געוועהנליך ווייטער אויפגענומען די פערזאנען, וואס זיינען צו איהם געקומען.

פערפלייצונגען.

קיעוו (פ.) אין דרום-מערב-קאנט האט א גוס-רעגען אנגעמאכט גרויסע שאדענס אויף די פעלדער. אין פיעל ערטער זיינען צושעדיגט געווארען די אייזענבאהן-ליניעס און די טעלעגראפען.

דאס נייעסטע פון טאג.

א רעוויזיע אין אדעסער ראבינאט.

אדעס (ספ.) אין דער קאנצעלאריע פון אדעסער ראבינאט איז געקומען דער בעאמטער פון פאליציי-דעפארטאמענט דאנצאוו און האט פערזיגעלט אלע פאפירען און דאקומענטען וועגען יודישע ענינים.

פורישקעוויטש'עס בריעף צו סאזאנאוו.

פעטערבורג (ספ.) אין „זעמשטשינא" איז אבגעדרוקט אנ'אפענער בריעף פון פורישקעוויטש'ן צום אויסערן-מיניסטער סאזאנאוו, אין וועלכען ער בערופט זיך אויף א בראשורע, וואס איז די טעג ארויס אין לאנדאן פון אנ'ענגלענדער אואיל, וואס האט ביינעוואוינט דעם באקסער-אויפשטאנד אין פעקין, אין יאהר 1900, און וועלכער שרייבט, אז דער איצטיגער באטשאפטער אין פעקין קרופענסקי, האט בעת'ן בזקוקען דעם קייזערליכען שלאס אין פעקין, אנגעפילט זיינע טאשען מיט פערשידענע ווערטפולע זאכען. פורישקעוויטש פרעגט דעריום סאזאנאוו'ן, צי ווייסט ער עפעס דערפון, און לעגט פאר קרופענסקי'ן אבצואווייקענען די דאזיגע בעשולדיגונג אדער אנצוקלאגען איהם פאר רכילות.

פוינא (ספ.) אין דער דרוקעריי פון פילמשעק און פוטיאטיצקי זיינען אריינגעקומען 70 פאליציי-אגענטען און האבען געמאכט א גענויע רעוויזיע. ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזען, איז די רעוויזיע געמאכט געווארען אויף דער פאדערונג פון דער קאליסער פאליציי וועלכע האט ארעסטירט א פערזאן, וואס האט געלאזט אין גאנג פאלשע 10-רובל'דיגע אסיגנאציעס. דער ארעסטירטער האט ערקלערט, אז ער האט די אסיגנאציעס בעקומען פון א ליטאגראף, וועלכער ארבייט אין דער דערמאהנטער דרוקעריי.

די רעוויזיע האט אין דער דרוקעריי קיין שום פערדעכטיגעס ניט געפונען, דאגעגען אין דער וואוינונג פון'ם דערמאהנטען ליטאגראף האט מען ענטדעקט א גוט-איינגעריכטעטע פאבריק פון פאלשע באנקנאטען, דעם ליטאגראף האט מען ארעסטירט.

לעצטע לאדזער נייעס.

וועגען פערגרעסערען דעם עקספארט.

(ג) דאס האנדעלס-מיניסטעריום האט זיך געווענדעט צום היגען בערזען-קאמיטעט מיט א גאנצע רייהע פראגען, כדי פעסטצושטעלען: די סארטען סחורות וואס ווערען ארויסגעשיקט פון לאדז קיין אויסלאנד און בעזונדערס קיין עסטרייך-אונגארן, דייטשלאנד, איטאליען און פראנקרייך, דעם אלגעמיינעם ווערט פון עקספארטירטע סחורות, וועגען די מעגליכע מיטלען צו פערגרעסערן דעם עקספארט פון די היגע סחורות קיין אויסלאנד און נאך פערשידענע פראגען, וועלכע האבען א שייכות מיט דער פערגרעסערונג פון עקספארט פון די היגע סחורות קיין אויסלאנד.

פערוואונדעט א יוד.

(ג) נעכטען ארום 10 א זייגער אין אוונד איז אויף מארשינער 23 דורך איינעם אומבעקאנטען שווער פערוואונדעט געווארען מיט מעסערס דער 46 יעהריגער שוסטער יהושע קויפמאן. די ערשטע הילף האט איהם ערטיילט דער דאקטאר פון פאגאטאווי, און דאן האט מען איהם אבגעפיהרט אין א שווערען צושטאנד אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל.

א טיכטיגער בוכהאלטער

מיט א גרויסע פראקטיק ארדענט איין ביכער, שטעלט אויף בילאנסען אונד לערנט אויך די דאפעלטע בוכפיהרונג לויט לעצטען אמעריקאנישען סיסטעם. ספעציעלע בוכפיהרונג פיר געזעלשאפטען, צדקה-אנשטאלטען אונד ארבייטער-קראנקען-קאסעס, מעסיגע בעלאהנונג. ערפאהרען ביי ה' רובין ציגעל-שטר. 9 און אין רעדאקציע פיר „Abram" 5 2 92

פערלאנגט היינט

דעם 9-טען באנד פון גרעצ'ס יודישע געשיכטע, וועלכע דאס לאדזער טאגעבלאט גיט איהרע לעזער פאר'ן שפאט ביליגען פרייז, ווי פאר 20 קאפ. א באנד.

גרויסער אויסוואהל
פון איין- און אויסלענדישער מאדערנער
זיידענווארען
דעטייל-פערקויף צו ענגרא פרייזען.
61. פעטריקויער שטר. 61. 5622 5 2

מזומן געלד

צאהל איך פאר פאליסען פון פערזיכערונגס-געזעלשאפטען ואגאר נישט קיין געצאהלטע מעהר ווי איינינע ראטען, זיך צווענדען פון 10 ביז 12 און פון 4 ביז 6 נאכמיטאג. ווסכאדניא 56, וו. 36 ביי זעצער. 5462

צור פערלאבונג פון מיין ליעבען שוואגער
ה' אברהם ראזענבערג
מיט פרל. פייגע שפירא
גראטולירען הערצליכסט און ווינשען פיעל גליק
די שוועסטערן און שוואגער
יעקב ווארמאן.

דאקטארין
ש. ראבינאוויטץ
פראנציסקאנסקא 19
אינערע, פרויען און קינדער-קראנקהייטען עמפפאנגט פון 9 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אין אבענד. פיר אונבעמיטעלטע מענליך פון 8 ביז 9 פריה אומזיסט. 186 2 1

אזארקאוו!!!
מארגען 9 א זייגער אין דער פריה וועט פארקומען די ערעפנונג פון די ערשטע צענטראל 126
צאהן-קליניק.

די היילונג פון עפילעפסיע.

די לעזער פון די צייטונגען האבען מיר א זעהר פרעהליכען פאקט צו בענאכריכטען, די עפילעפסיע אדער די פאלזוכט (די קראנקהייט פון היליגען וואלענטין), וועלכע איז א שרעקליכע נערווען-קרענק, וואס בערוהט אויף פעריאדישע ווידערערשיינונגען פון קראמפפהאפטע אנפעלע, א קראנקהייט, וועלכע איז ביז איצט גערעכענט געווארען פאר א זעהר ערנסטע און שווער-היילבארע, איז איצט געווארען פאלשטענדיג היילבאר.

צו פערדאנקען האבען מיר עס דעם נייעם מיטעל, וועלכער איז אין אויסלאנד שוין בעוואוסט זייט איניגע יאהר און ווערט דארט בענוצט פון דאקטוירים און ערשטקלאסיגע ערצטליכע קרעפטע. דאס איז דאס מיטעל, וועלכעס רופט זיך „עפילעפטיקאן פון דאקטאר וויל". דאס מיטעל, וועלכעס ווערט אויסגעארבייטעט דורך העמישען לאבאראטאריום פון דער אפטייק, וועלכע רופט זיך „אפטייק אונטער שוואן" אין פראנקפורט אם מיין, איז א פארמאצעוטישע צוזאמענשטעלונג, וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אויפ'ן גרונד פון די נייעסטע ערצטליכע אונטערזוכונגען.

די ווירקונג פון עפילעפטיקאן בערוהט אויף איין זייט אויף דעם, וואס זי פערקלענערט די קראנקהייטס-ערוועקונג פון מענשליכען מח, דורך וועלכען עס ווערט אויך ענטפערנט דער אורהעבער אין ערוועקער, וואס רופט ארויס די קראמפפ-אנפעלע און פון דער אנדערער זייט ווירקט עס אויף די בלוט-בילדענדע סובסטאנצען, וועלכע זענען זעהר וויכטיג צו די בלוט-צירקולאציע און ווירקען בעלעבענד אויף די נערווען און די מארך-צעלען, צוליעב דעם איז דאקטאר וויל'ס עפילעפטיקאן א ספעציפיש מיטעל ביים היילען פון דער עפילעפסיע, דען נאך דער דורכפיהרונג פון א פאלשטענדיגער קוהר, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס דער קראנקער בענוצט איניגע מאנאטען הינטער אנאנדער דעם עפילעפטיקאן, הערען די עפילעפטישע אנפעלע, וואס א מאל אויף צו ערשיינען און צום סוף פערשווינדען זיי אינגאנצען.

צוליעב דעם, איז דער פרעפאראט אנערקענט געווארען פון די גרעסטע ערצטליכע קרעפטע פון דער וועלט, ווי: פראפעסאר ערב, פארעל, אפענהיים און אנדערע, וועלכע עמפפעהלען דעם מיטעל אין זייער פראקטיק, אלס בעסטעס היילונגס מיטעל. עפילעפטיקאן פון ד"ר וויל קען אויך צוליעב זיין בערוהיגענדער און שטערקענדער ווירקונג אויף ארגאניזם אויך בענוצט ווערען צו פיעל אנדערע נערווען-קראנקהייטען, וועלכע קענען פון איהם גרויסען נוצען האבען, צום בייספיל: ביי נערוועזער אבגעשוואכהייט, ביי היסטעריע, ביי מוטלאזיגקייט און אויפגערעגטהייט, ביי הערץ-אונרוהיגען, שלאפלאזיגקייט, מיגרענע און פיעל אנדערע ליידען, און אזוי ווערט דאס דאזיגע מיטעל א גוטער וואהלטעטער פיר פיעל ליידענדע מענשען, דען ביי לענגערעם און סיסטעמאטישעם בענוצען פון איהם פערשווינדען אלע נערוועזע נאכטיילען און עס קעהרט צוריק די פערלארענע לוסט און פעהיגקייט צום ארבייטען.

עפילעפטיקאן פון דר. וויל קען מען בעקומען אין אלע אפטייקען און גרעסטערע אפטעקטשנע סקלאדעס. די הויפט פערטרעטער פיר רוסלאנד און פיר פוילען:

Treutler i Bernhardt,
Warszawa, Warecka 9,

שיקען ארויס אויף פערלאנג ליטעראטור גראטיס און פראנקא.

די אריגינעלע שאכטלען פון דר. וויל'ס עפילעפטיקאן זענען פערזעהען מיט דער פלאמבע פון דער רוסישער צאל-קאמער. 6180

די יודען און די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג.

(א בריעף פון פעטערבורג).

ווי מיר האָבען שוין טעלעגראַפיש גע-
מעלדעט, איז אין פעטערבורגער קאַלאַ-
שינקאָווסקער זאַל פאָרגעקומען א דיס-
פוט אויף דער טעמא: „די יודען און די
בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג". דער
פאָרזיצענדער פון דיספוט, פּראָפעסאָר
מ. ט. קאָוואַלעווסקי, האָט געגעבען א
היסטאָרישען איבערבליק וועגען דער
פראַגע, אַנהויבענדיג פון דעם אקט פון
27-טען סעפּטעמבער 1791 אין פראַנק-
רייך, ווען ס'איז צום ערשטען מאָל
פעראָפענטליכט געוואָרען, אז ס'איז
נישט ערלויבט קיין פערשידענהייט
אין די רעכטע, וואָס איז אבהענגיג פון
דער רעליגיאָנ'ס פערשידענהייט. אַנ-
ווייזענדיג, אז אין אַלע געזעצגעבערישע
אַנשטאַלטען פון איראָפּא האָט מען
זיך דערנעהנטערט צו דעם וועג אָבצו-
שאַפען די בעגרענצונגען פאַר יודען,
האָט זיך דער רעדנער אָבגעשטעלט
אויף רומעניען, וועלכע איז די איינצי-
גע מלוכה אויף מערב, וואו ס'זענען
נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג נישט אָבגע-
שאַפט געוואָרען די בעגרענצונגען פאַר
יודען.

בעריהרענדיג די אַנטיסעמיטישע
פאָדערונגען, וועלכע זענען אויסגעאַר-
בייט געוואָרען אין יאָהר 1912 דורך
די רעאַקציאָנערע פעראייניגטע דוואָר-
יאַנעס אין רוסלאַנד, האָט דער רעדנער
אָנגעוויזען, אז די בעגרענצונגס-פּאָלי-
טיק, אויסער וואָס זי שטימט נישט
מיט'ן מאַניפעסט פון אָקטאָבער, רופט
זי זיך אָב אויף דער אַלגעמיינער
קולטור פון לאַנד. די אינטערעסען פון
די פויערים-ערד-בעזיצערײַ פאָדערן
איבערהויפּט נישט קיין שום בעגרענ-
צונגען.

דאַן איז אַרויסגעטרעטען מיט א
רעדע מיליוקאָוו, וועלכען די פּראַוו-
מעלטע האָבען געמאַכט שטורמישע
אָוואַציעס. מיליוקאָוו האָט אָנגעהויבען
זיין רעדע דערפון, וואָס ער האָט אָנ-
געוויזען, פון וואַנען ס'שטאַמט דער אַנ-
טיסעמיטיזם. נעגען דער בעוואוסטער
בעשטימונג פון ביסמאַרק: „דער אַנ-
טיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון
די נאַראָנים", שטעלט דער רעדנער
אַרויס די בעשטימונג, וואָס ראָדיטשעוו
האָט געמאַכט אין דער דומע: „דער
אַנטיסעמיטיזם איז דער פּאַטריאָטיזם פון
נאַראָנים".

ביי אונז איז דער אַנטיסעמיטיזם
דער פּראָדוקט פון דער רעסטאַוראַציע,
וועלכע איז געשאַפען געוואָרען דורך
די בעדינגונגען פון קאַמפף פון דער
קאָנסטיטוציאָנ'ס-עפּאָכע.

רעדענדיג וועגען דער פערגאַנגענהייט
פון רוסלאַנד, אויף די פריהערדיגע בע-
ציהונגען פון דער רוסישער מאַכט און
געזעץ צו די יודען, ווייזט מיליוקאָוו
אָן, אז צום ערשטען מאָל האָט זיך
בעוויזען דער „יאַגאַנישער" נאַציאָנאַ-
ליזם אין יאָהר 1563 נאָכדעם, ווי ס'איז
איינגענומען געוואָרען פּאָלאָצק, ווען די
רוסען האָבען זיך צום ערשטען מאָל
צוזאַמענגעשטויסען מיט יודען. יאָהאַן
גראָזני האָט אויף דער פראַגע, וואָס
מ'זאָל מיט זיי טהון (מיט די יודען),
געענטפערט: „דערטרינקען אין טייך".
(א אויסגעשרייַ פון א ווינקעל; „אַזוי איז
געוועזען און אַזוי וועט זיין".)

אַנאַליזירענדיג די ווייטערדיגע גע-
שיכטע פון רוסלאַנד פון דעם שטאַנד-
פּונקט, ווי מ'האָט זיך בעצויגען צו
יודען, ווייזט מיליוקאָוו אָן, אז דער
מלוכה-געדאַנק איז נישט געווען שטאַנד-
האַפט,—אַריב ס'זענען אָבגעשאַפט גע-
וואָרען געוויסע בעגרענצונגען פאַר
יודען, זענען דאַן איינגעפיהרט געוואָרען
אַנדערע בעגרענצונגען און זאָגאַר אויך
די זעלבע, וואָס זענען פריהער אָבגע-
שאַפט געוואָרען.

איינע פון די בעהויפּטונגען פון אונ-
זער רעאַקציע,—האָט מיליוקאָוו ווייטער
געזאָגט,—איז—אַז די יודען האָבען
געשאַפען די רעוואָלוציע און זיי שטי-
צען זי ביזן אונטער. (אויסגעשרייַ פון
דעם זעלבען ווינקעל; „ריכטיג".) דער
וועלכער האָט געזאָגט „ריכטיג",—ער-
קלערט מיליוקאָוו,—דער, ווייזט אויס,
אכטעט נישט דאָס רוסישע פאָלק,
וועלכעס האָט זיך אַליין ערוואָרבען די
בעפרייאונג. (א שטורם פון אַפּלאָדיס-
מענטען).

איבערגעהענדיג צו דער פּאָליטיק
פון די יודען בנוגע דער בעציהונג צו
דער רוסישער בעפרייאונגס-בעוועגונג,
ווייזט דער רעדנער אָן, אז דער גורל
פון דעם יודענטום איז ענג פערבונדען
מיט דעם אַלגעמיינעם שיקזאַל פון דער
בעפרייאונג'ס-בעוועגונג.

דער פּראָפעסאָר פּעטראַזשיצקי האָט
געהאַלטען א גרויסע רעדע, אין וועלכער
ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם שאָדען
פון אַנטיסעמיטיזם פאַר אַלע געביטען
פון דער רוסישער קולטור.

דער רעדנער האָט אָנגעוויזען, אז
דאָס זייַהען שנאה צווישען די פאָלקס-
מאַסען איז א גרויס געפאַהר פאַר דער
מלוכה, וועלכע קאָן אין דער צייט פון
אַנ'אויסערעפּאָלישען קריעג אונטערגעהן;
די אונטערדריקונג'ס-פּאָליטיק איז אויך
געפעהרליך און אַלע אַנדערע ספע-
רען—אין עקאָנאָמישען לעבען, אין
דער גײַסטיגער קולטור א. אז. וו.

א שאַרפע רעדע האָט געהאַלטען וו.
א. מיאַקאָטין, מיט א אמת'ער פער-
ביטערונג האָט ער גערעדט וועגען די
שרעקליכע בעלײַדיגונגען, און אונטער-
דריקונגען וועלכע די יודען שטעהען
אויס;

די אַנטיסעמיטען זענען גלײַכצייטיג
די פאָרשטעהער פון דער רעאַקציע;
די פראַגע וועגען דער בעציהונג צו די
יודען האָבען זיי מורא איבערצוגעבען
דעם גאַנצען רוסישען פאָלק צו ענט-
שיידען, זעהר פיעל שוואַרצע פלעקען
איז געלעגט געוואָרען אויף דעם גע-
וויסען פון רוסלאַנד אין די בעציהונגען
צו יודען, נור דאָס רוסישע פאָלק איז
אין דעם נישט שולדיג.

צום שלוס האָט גערעדט ל. מ.
בראַמסאָן, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אז
די רוסישע אינטעליגענץ איז פיעל
פערפליכטעט די יודען.

ס'האָבען נאָך גערעדט וואָראָנצאָוו,
דער דומע-דעפּוטאַט קערענסקי, וועגען
די שרעקען פון דער יודישער רעכט-
לאָזיגקייט. סאָקאָלאָוו האָט אָנגעוויזען,
אז אַזוי לאַנג, ווי די רעאַקציע וועט
הערשען, וועט מען זיך אויף אַלץ נאָך
בענוצען מיט יודען-אונטערדריקונג.
אם ענערגישסטען קעמפפט פאַר
יודישער גלייכבערעכטיגונג נור דער
קלאַס, וועלכער פיהרט איבערהויפּט
ענערגישער דעם קאַמפף פאַר בע-
פרייאונג.

דער רעדנער זאָגט נאָך איינינע
פראַזען, ביי וועלכע דער פאָרשטעהער
פון דער פּאָליציי שטעלט איהם אָב.

טאָג-נאָטיצען.

די ציניקער פון „ראַזוואָי".

אבי מען זאָגט, אז „זעמשטשינא" איז
א כוליגאַניש בלעטעל...

אבי מען איז ברוגז אויף א „רוסק.
זנאַמיע", אויף א „דוואוגלאַווי אַריאַל"...
בנאמנות, אז אונזער „ראַזוואָי" מיט
זיינע ציניש בעמערקונגען און מיט זיין
גיפטיגען שמייכעל איז טויזענד מאָל
ערגער פון די רוסישע שוואַרץ מאה'-
דיגע צייטונגען!

די רוסישע שוואַרצמאה'דיגע בלעט-
לעך זענען ווענינסטענס אָפען—וואָס
אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג...
און וויל מאַכען די „זעמשטשינא",
למשל, א בלבול אויף א יודישען דע-
פּוטאַט טהוט זי עס אָהן שום בעהעל-
טעניש:

„ד"ר באַמאַש האָט צוגענומען א
רובל..."

קלאָר און אָפען.

די פּוילישע „דוואָ גראָשע"-לייט זענען
אויף אָפענע אַרויסטרעטונגען נישט
פעהיג.

זיי זאָגען א האַלבע פראַזע, וואַרפען
אַריין א וואָרט מיט א האַלבען טויל און
שטעהען הינטער'ן רוקען מיט א גיפ-
טיגען „כי, כי, כי"..

— ווען באַמאַש האָט גערעדט איז
פערשוואונדען געוואָרען א רובל.. כי..
כי... כי...

און צופריעדענע ווישען זיך אָב די
„ראַזוואָי"-לייט די ליפען און רייבען זיך
די הענד—זיי האָבען ווידער ד"ר באַ-
מאַש'ן געמאַכט א „שפּיצעל"...

און כדי פון זיך אָבצוואַרפען
יעדען חשד ברענגט זי די נאָטיץ אינ'ם
נאָמען פון דמאָווסקי'ס אָרגאַן „גאַזעטאַ
וואַרשאַווסקאַ"...

ווען די „ראַזוואָי"-לייט האָבען אָבער
געהערט, אז מען האָט באַמאַש'ן געשיקט
א מיטגעפיהל-טעלעגראַמע פון לאָדז—
זענען זיי ווידער אַרויס מיט זייער
געוועהנליכען ציניש שמייכעלע, מיט
חוצפה'דיגע האַלבע ווערטער, נאָר שוין
דרייסטער.

פריהער האָט מען געמיינט, אז דאָס
איז ביי באַמאַש'ן א קלעפּטאָמאַניע...
כי, כי, כי... ער האָט טאַקי זיך גע-
נומען צו זיין א דעפּוטאַט, נאָר ביז
נעהמען א רובל איז עס ווייט... כי,
כי, כי...

און ווייטער:

— ווען עס וואָלט געווען א פאַר
טויזענד רובל, אָדער א הונדערטטויזענדער
רובל... וואָלט מען עס געקאָנט פער-
שטעהן... נאָר דאָס איז דאָך איינצינגען
איין רובל!... וואָס פאַר א ווערט האָט
א רובל—ער בעקומט דאָך 10 רובל א
טאָג פּענסיע... כי, כי, כי...

און וואָס ווייטער—אַלץ ציניש'ער און
שענדליכער:

— עס האָט זיך זאָגאַר פערשפּרייט
א קלאַנג, אז דער רובל האָט זיך גע-
פונען... נאָר פּורישקעוויטש זאָל בע-
הויפּטען, אז דער געפונענער רובל איז
אַנ'אַנדערער; יענער איז געווען פון
אַנ'אַנדער יאָהר... כי, כי, כי...

און דאָס אַלץ שרייבען די „ראַזוואָי"-
לייט אין א „וויציגען" טאָן מיט א פייַנעם
איראָנישען שמייכעל...

און הערט א משל, וואָס דער „ראַזוואָי"
ברענגט:

אין א רייַכען הויז איז א מאָל אַריין
אַנ'אומבעקאַנטער מיט א דיקען שטעקען
און א שוואַרצער טוזשורקע... ווען ער
איז אַרויס איז פערשוואונדען געוואָרען
א זילבערנער לעפעל... שפּעטער האָט
זיך אַרויסגעוויזען, אז דער אומבעקאַנ-
טער מיט'ן דיקען שטעקען איז דער
שוואַרצער טוזשורקע איז דאָ, נאָר דאָס
זייגערל, וואָס איז פערלוירען געגאַנגען
איז טאַקי פערשוואונדען...

נמצא! באַמאַש איז טאַקי געווען
ווען דער רובל איז געלעגען און דער
רובל איז נישטאָ...

אַי, דער פאָרזיצענדער האָט דעם
רובל דורכ'ן דומע-פּריסטאַוו באַלד אָב-
געשיקט פּורישקעוויטש'ן און דער מיט-
אַרבייטער פון „זעמשטשינא" איז פאַר'ן
בלבול דערווייטערט געוואָרען פון די
דומע-זיצונגען—דאָס זענען די אונ-
פערשעמטע ציניקער, נישט מחויב צו
דערצעהלען זייערע לעזער...

אַריינוואַרפען א ווערטעל, עפּעס זאָ-
גען אויו נישט-דערזאָגט, מאַכען א ציַ-
נישע בעמערקונג, א טייַוועלשען געלעכ-
טער אַרויסוואַרפען אויף די שפּאַלטען,
ערוועקען האַלבע חשדים—אָט אין וועל-
כער טאַקטיק עס האַלטען זיך די ציני-
קער פון „ראַזוואָי".

זענען דען אַזעלכע אַרויסטרעטונגען
נישט שענדליכער פון די אָפענע כולי-
גאַנישע אַרטיקלען פון א „זעמשטשינא",
אָדער א „רוסקאָיע זנאַמיע"!

לאָזאַר י.

דער גורל פון דער שחיטה-פראַגע.

דער פּראָיעקט וועגען אָבשאַפען די
יודישע שחיטה געפינט זיך ווי בעוואוסט
איצט אין דער דומע-קאָמיסיע פאַר
פאָלקס-געזונדהייט, וועלכע אַרבייט אונ-
טער דעם פאָרזיץ פון סינאַדינאָ וועל-
כער איז א נעגנער פון דעם פּראָיעקט.
און אַזוי ווי די מיינונגען פון די רעכטע
און נאַציאָנאַליסטען וועגען דער פראַגע
איז בעוואוסט, בעמיהען זיך איצט די
דעפּוטאַטען אויסצופאָרשען אין דער
דומע ווי אַזוי עס וועלען זיך בעציהען
די אָקטיאָבריסטען צו דער פראַגע, און
אָט וואָס זיי האָבען זיך דערוואוסט:

די מיטגליעדער פון צענטער זענען
מעהרסטענטהייל נעגען דעם פּראָיעקט.
צווישען די אָקטיאָבריסטען איז נאָך די
בעציהונג צו דער פראַגע נישט קלאָר.
פיעל אָקטאָבריסטען ווי גודניאַק און
אַנדערע פערשטעהען, אז דער פּראָיעקט
פון די רעכטע איז א פּאָליטישער פּראָ-
יעקט און מען איז נאָר אויסען מיט
איהם שלעכטס צו טהון די יודען. פון
דער אַנדערער זייט אָבער איז פאַרהאַן
צווישען די לינקע אָקטאָבריסטען אַזעל-
כע וואָס זענען נוטה צו שטימען פאַר'ן
פּראָיעקט, די רעכטע אָקטאָבריסטען,
וועלען נאַטירליך זיך פעראייניגען מיט
די רעכטע און נאַציאָנאַליסטען, דעריבער
איז אַלץ אָבהענגיג פון דער שטימונג
ביי די אָקטאָבריסטען אין יענעם מאָ-
מענט ווען מען וועט געהן אָבשטימען
איבער דער פראַגע צי זיי ווילען טהון
א טובה די מאַחמעדאַנער, וועלכע זע-
נען זיך משתדל נעגען דעם פּראָיעקט,
ווייל דער פּראָיעקט ריהרט זיי אויך אָן
אָדער נישט, וועניגער פון אַלץ ווייסט
מען וועלען זיי זיך רעכענען מיט די
יודען. אין מיניסטעריום איז פאַראַן
פיעל וואָס זענען נעגען פּראָיעקט, ווי
מען זאָגט אָבער איז מאַקלאַקאָוו אַליין
פאַר'ן פּראָיעקט.

ווי מען רעכענט וועט די שחיטה-
פראַגע נישט קאָנען ערוועקט ווערען
פריהער ווי אין צוויי חדשים, דאָס
הייסט אַלזאָ, אז די פראַגע וועט ערשט
בעטראַכט ווערען אויף דער נייער סעסיע.

דער פּראָפעסאָר יהודה ביים שפּאַנישען קעניג.

די פאַרלעזונג פון דעם בעריהמטען
אָריענטאַליסט דער פּראָפעסאָר יהודה
(א יוד) וועלכען די שפּאַנישע רעגירונג
האָט א הער נעבערענט פון בערלין פאַר
דער נייער קאַטעדרע פון יודיש-שפּאַני-
שער קולטור-געשיכטע האָבען אין שפּאַ-
ניען פעראינטערעסירט די בעסערע קריי-
זען פון דער געזעלשאַפט.

צו לעצט האָט זיך מיט די פאַרלע-
זונגען אויך פעראינטערעסירט דער קע-
ניג אַליין, און די טעג איז פּראָפעסאָר
יהודה אויפגענומען געוואָרען אויף אַנ'-
אוידיענץ בײַ'ם קעניג.

דער קעניג האָט דעם פּראָפעסאָר
זעהר פריינדליך און ליעבליך אויפגענומען
און מיט איהם גערעדט וועגען פער-
שיעדענע פראַגען, וועלכע זענען נוגע צו
דער פערגאַנגענהייט פון די יודען
אין שפּאַניען ווי אויך וועגען דעם היינ-
טיגען צושטאַנד פון די יודען אונטער
דער שפּאַנישער הערשאַפט.

צווישען אַנדערעס האָט אויך דער
קעניג בעריהרט די לאַגע פון די יודען
אין מאַראָקאָ און זיך אויסגעדריקט, אז
די יודען וועלען אין מאַראָקאָ אונטער
דער הערשאַפט פון שפּאַניען שטענדיג
געפינען דעם נויטיגען שוץ און די בע-
פרידיגונג פון אַלע זייערע אינטערעסען,
וועלכע ער בעטראַכט אלס א טייל פון
די קולטור-שטרעבונגען און קולטור-אינ-
טערעסען פון שפּאַניען און וועלכע ער
רעכענט אלס די הויפּט-פליכט פון דער
מלוכה. דערביי האָט זיך דער קעניג
מיט איהם געזעגענט און זעהר וואַרים
זיך פערגאַבשיידט מיט'ן פּראָפעסאָר.

הופאן
№ 105

יעדער לעזער, וואָס שטעלט צו וועלכע 10 קו-פּאָנען בעקומט יעדע 2 וואָכען א באַנד
יודישע געשיכטע
(פון פּראָפ. גרעץ)
אלס פּרעמיע פון „לאָדזער מאָרגענבלאַט"
נור 20 קאָפּ. פאַראַבאַנד

וועלט-נייעס.

א קלוגער פּראָפעסאָר.

אין דער אוניווערזיטעט פון דער שטאָדט
אילינאָאיס געפינט זיך א פּראָפעסאָר פון דייטש-
לאַנד, וועלכער האָט א מנהג צו ענטפערען מיט
די ווערטער „אָ יאַ" די סטודענטען וועלכע
זענען נישט געוואַהנט צו דער דייטשער שפּראַך
האָבען שטענדיג ביי דעם ענטפער געלאַכט און
עס איז געקומען אַזוי ווייט, אז ווען דער
פּראָפעסאָר איז אַרייַנגעקומען אין דער אוני-
ווערזיטעט האָבען איהם די סטודענטען בע-
גריסט מיט אַנ'אויסגעשריי: „אָ יאַ!" דער
פּראָפעסאָר האָט געשוויגען, נאָר ער האָט בע-
שלאָסען זיך מיט זיי אָבצורעכנען. די טעג
האָט ער דאָרט געלעזען א לעקציע וועגען
זאָאָלאָגיע און גערעדט וועגען אייזעל דערביי
האָט ער געזאָגט: אין דעם שטאַט אילינאָאיס
געפינען זיך פערשיעדענע אייזלען פון דער
גאַנצער וועלט אַנשטאָט דעם וואָס אַלע אייזַ-
לען שרייען „יאַ" שרייען זיי „אָ יאַ!" נאָכדעם
ווי ער האָט דאָס געזאָגט איז געוואָרען אין
זאַל א פיינליכע שטילקייט און זייט דעמאָלט
שטעפּען איהם שוין מעהר די סטודענטען
נישט.

* *

„דער קעניג פון ירושלים".

פאַרוואָס און פון ווען אָן טראַגען די עסט-
רייכישע מאָנאַרכען דעם טיטעל „קעניג פון
ירושלים"? וועגען דעם דערצעהלט אַנ'עסטרייַ-
כישער קאַלענדאַר פאָלגענדעס: אין ערשטען
קרייץ-צוג אין פאַלעסטינאַ וואָס איז פאָרגע-
קומען אין יאָהר 1096 איז גאָדעפּרער בוליאָן,
דער הערצאָג פון לאָטערינגען געווען דער
קאָמאַנדיר פון דער קריסטליכער אַרמעע און
ווען ער האָט אין יאָהר 1099 איינגענומען
ירושלים האָט מען איהם געקרוינט אלס „דער
קעניג פון ירושלים". ער האָט זיך אָבער נים
געלאָזט אָנטהון א גאָלדענע קרוין נאָר א קרוין
פון דערנער. „עס פּאַסט נישט, האָט ער גע-
זאָגט צו טראָגען א גאָלדענע קרוין וואו דער
קעניג פון הימעל טראָגט א דערנער-קרוין".
פון יענער צייט אָן האָבען די הערצאָגען פון
לאָטערינגען געהאַט דעם טיטעל „קעניג פון
ירושלים". און אַזוי ווי די עסטרייכישע מאָ-
נאַרכען שטאַמען-אָב פון 1 הויז לאָטאַרינגען
איז דער טיטעל איבערגעגאַנגען צו זיי.

דאָס היילען פון מיגרען.

די צערשטערונג פון דער טהעטיג-
קייט פון עסען פערדויאונגס-אַפּאַראַט
איז זעהר אָפט די סיבה פון מיגרען.
דעריבער לייַדען טאַקע בעטוי אַלע
קראַנקע, וועלכע האָבען א געוועהנהייטס-
פערשטאָפּונג אויף מיגרען, און אויב
זיי זענען נאָך אין יעצטיגען מאָמענט
נאָך פריי פון דעם לייַדען, וועלען זיי
אָהן שום ספק אין דער געגענוואַרט
קראַנק ווערען. צוליעב דעם איז נויטיג
פריי געגענצוווירקען דער פאָרפערשטונג
פון דער קראַנקהייט, גוט אַכטונג צו
געבען אויף די רעגעלמעסיגע פונקציאָ-
נירונג פון קישקעמטניק, אויסצומיידען
אַלע אַרט פעהלער אין דער דיעטע,
אָבצוהאַלטען זיך פון אַלקאָהאָל און אין
געוויסע פעלען בענוצען מינעראַל-
וואַסערן, זעהר גוטע רעזולטאַטען גיבט
אין דעם פאַל דאָס בענוצען פון אָב-
פיהר-מיטלען ווי Cascarine Leprince
(קאַסקאַרין לעפּרענס) Cascarine איז
בעקוועם צום געברויכען, רופט שנעל
אַרויס א אויסלעהרונג און ביי לענגע-
רען געברויך בעזייטיגט עס פאַלשטענ-
דיג עצירות און רעדט אויך די מיג-
רען-קראַנקהייטען.
9550-16

יאָהאַן פאָן ווילדענראַדט.

„דער יודישער פירשט".

אַ שפּאַנענדער היסטאָרישער ראָמאַן.

(49 (ספּעציעל בעאַרבייט פאַר'ן „לאָדזער מאָרגענבלאַט").

IV

יוסף פאַר'ן משפט פון די רבנים.

צו דער רבנים-פערזאַמלונג אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער שוהל איז יוסף
אוועק אַליין. מיט שטאָלץ איז ער אַריבער די שוועל פון דער שוהל, וואו עס
האָבען איהם בעגעגענט צוויי יונגע רבנים מיט'ן געהעריגען כבוד און איהם צו-
געפיהרט צו א פּלאַץ אויבענאָן, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר איהם צווישען
די רבנים, וועלכע זענען געווען אָנגעטהון אין זייערע יום טוב'דיגע מלבושים.
אויפ'ן טיש זענען געשטאַנען צוויי גרויסע מנורות מיט הויכע וואַקסענע ליכט
און דער גאַנצער טיש איז געווען בעדעקט מיט גמרות און ספרים. ווען יוסף
איז צוגעקומען צום טיש, האָבען אַלע רבנים זיך אויפגעהויבען לכבוד איהם.
יוסף האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט דעם צוועק פון דער פערזאַמלונג, נאָר
דערזעהענדיג, אז שטעהן איז אויף דער אסיפה נישטאָ האָט ער זיך א ביסעל
בערוהיגט.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ דער הויפּט-רב ר'
יצחק אבן לב און זיך געווענדעט צו יוסף'ן:

— געבענשט זאָלסטו זיין, יוסף, וואָס דו האָסט נישט פערשעמט די רבנים
פון אונזער קהלה און געקומען צו דער פערזאַמלונג. מיר האָבען געזעהן א קליי-
נעם וואָלקען אויף דיין הימעל, האָבען מיר דיך גערופען, כדי דיר אומצוקעהרען
דעם כבוד פאַר דעם גאַנצען פאָלק. מיר וועלען דיך בעטען ענטפערן אויף איי-
ניגע פראַגען.

אונגעדולדיג האָט יוסף אויסגעהערט די ווערטער און דאַן מיט שטאָלץ זיך
אָבגערופען:

— ווער איז עס דער בלינדער צווישען אונזערע רבנים, וואָס האָט א וואָל-
קען אויף א לויטערן הימעל געזעהן? ווער האָט עס געהאָרכט דעם משוגענעם,
וואָס וויל מיט מיר טהון, וואָס זיין האַרץ גלוסט?

זאָלסט נישט פעראַכטען אונזערע רבנים — האָט ווייך איהם געענטפערט
ר' אבן לב—זיי האַלטען, אז נאָר דער יוד, וואָס האַלט זיך פעסט אָן אונזער
תורה און אונזערע חוקים קאָן ברענגען א הילף אונזער פאָלק...

— הייסט עס — האָט יוסף מיט א שטאַרקער שטים געפרעגט, אז מיך
האַלט איהר נישט פאַר אַזאַ יוד?

— פרומע יודען, לומדי תורה און יראי שמים, וועלכע קענען דיך גוט
און פלעגען שטענדיג דיך לויבען און ריהמען, האָבען פלוצלונג דערצעהלט, אז
דו ביסט אַראָב פון גלייכען וועג, זאָג אונז, בעווייז אונז, אז דאָס איז נישט
וואָהר...

יוסף האָט נישט געענטפערט און זיך אַרומגעקוקט צו זעהן ווער עס זענען
די מענשען, וואָס האָבען אויף איהם עס אָנגערעדט.

ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטען, ווען עס האָט זיך באַלד אויפגע-
הויבען פון זיין שטוהל דער רב ר' יעקב מרגלית, א גרויסער פרומאַק און פאַ-
נאַטיקער און נעהמענדיג א ספר אין האַנד, האָט ער מיט א שטאַרקער שטים
געזאָגט:

— אָט וואָס אונזער בורא האָט אונז אָנגעזאָגט אין זיין תורה הקדושה:
ווען מיר וועלען איינעהמען א סך גרויסע און מעכטיגע פעלקער און מיר וועלען
ירש'נען זייערע לענדער, מוזען מיר זיי אַלעמען פערניכטען, מיט זיי קיין משא
ומתן נישט האָבען און חס ושלום מיט זיי זיך נישט מתחתן זיין... אונזערע
זיהן טאָרען נישט נעהמען זייערע טעכטער און אונזערע טעכטער טאָרען נישט
חתונה האָבען מיט זייערע זיהן... דען זיי קאָנען נאָך זיך אָבקעהרען פון גאָט
און דינען פרעמדע געטער... דאַן וועט גאָט'ס צאָרען גרויס ווערען און אַלעמען
פערטיליגען... אַזוי האָט אונזער תורה הקדושה געהייסען! און וואָס טהוט יוסף
וועמען ר' אליעזר פון וועגעדיג האָט געמאַכט פאַר א ראש הגולה, פאַר א פיהרער
און פירשט ביי יודען! וואָס טהוט ער! ער האָט געוואָרפען זיינע אויגען אויף
א פרעמדער, פערגעסען אונזערע חוקים און מצות און אָפען געזאָגט, אז ער
וועט אויף אייביג זיך פערבינדען מיט דער גויה... אַזאַ מענש קאָן אונזער פיה-
רער נישט זיין! מיר וועלען איהם נישט פאָלגען כל זמן ער וועט פון זיך די גויה
נישט פערטרייבען!

און מיט ברענענדע אויגען האָט דער פאַנאַטיקער זיך אומגעקוקט אויף
זיין פּלאַץ.

יוסף איז רויט געוואָרען, זיין האַרץ האָט איהם שטאַרק געקלאַפּט, נאָר
פונדעסטוועגען האָט ער אָהן שרעק געענטפערט:

— איהר האָט געזאָגט מיך צו בעשולדיגען אין אַזאַ חטא אויפ'ן סמך
פון אונזער הייליגער תורה... איהר האָט אָבער פערגעסען, אז טאַקי אין אונזער
תורה הקדושה איז פאַראַן פונקט דערהיפך דערפון! און אויפ'ן סמך דערפון
האָט איהר זיך דערוועגט בעפעהלען צו פערטרייבען דאָס מיידעל, וועלכע איז
ריינער און אונשולדיגער פון דיר און פון טויזענד אַזעלכע פאַנאַטיקער!!

— אין חרם!... אין חרם איהם אַריינלעגען!... הערט נישט דעם לעצטען
רעד!... לאָזט איהם נישט רעדען!... בעשטראָפט איהם!... טרייבט איהם אַרויס
פון ראַנען!... פערשאָלטען זאָל ער ווערען!...

יוסף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און געוואָלט אַרויסגעהן. ער
האָט זיך אַרומגעזעהן, אז די דאָזיגע פאַנאַטיקער וועט ער מיט זיינע רעד נישט
קאָנען איבערצייַגען און דערום געוואָלט פערלאָזען די שוהל.

עס האָבען זיך אָבער אויפגעהויבען איינינע אַנדערע רבנים און איהם גע-
נומען בעטען, אז ער זאָל נאָך בלייבען, דען זייער מיינונג איז נישט אַזוי ווי
יענע פאַנאַטיקער.

איינער פון די רבנים, ר' יצחק עקריש האָט א פּאַטש געטהון אין טיש.
נעהמענדיג דעם עולם שטיל זיין און גענומען רעדען:

— רבותי! איהר האָט נאָר וואָס אויסגעהערט די ווערטער פון רב ר'
יעקב, וועלכער האָט הארב געשטראָפט דעם פירשט און דער פירשט יוסף האָט
אויך הארב געענטפערט צוריק דעם רב. איך וואָלט אייך געבעטען, אז איהר זאָלט
אויך מיין שטים אויסהערען, איך האָב יאָהרענלאַנג געוואַנדערט פון איין לאַנד
צום אַנדערען, ביז איך האָב געפונען א שטיקעל מנוחה דאָ אין טערקיי. איך האָב
אין מיין לעבען געזעהן, ווי אונזערע ברידער ווערען געיאַגט און געטריבען אין
פערשיעדענע לענדער, איך האָב געזעהן דעם פּרוד הלבבות און ווי וועניג אחדות
עס איז פאַראַן צווישען אונז... דאָ איז אונז גוט און מאויל און דאָס אַלץ האָבען
מיר יוסף'ן צו פערדאַנקען. ווילט איהר איצט צושטערען דעם שלום און די
אחדות אין אונזער קהלה?...

די ווערטער האָבען א שטאַרקען רושם געמאַכט און דער רב האָט ווייטער
גערעדט:

— ווען איהר האָט זיך דאָ אַרומגעקריגט האָב איך אַריינגעקוקט אין
אונזער תורה הקדושה און געפונען דעם פסוק, וועגען וועלכען יוסף האָט גערעדט
געוועזען. אין פסוק שטעהט געשריבען: „כי תצא למלחמה"... ווען דו וועסט
געהן אין א מלחמה און וועסט נעהמען אין געפאַנגענשאַפט אַנ'אשה א יפת תואר
און דו וועסט זי גלוסטען צו א פרוי—מעגסטו זי ברענגען צו זיך, זי אָבנאָלען
איהרע קליידער איבערטהון און מען זאָל זי וועט א חודש צייט בעוויינען איהרע
עלטערן—מעגסטו מיט איהר חתונה האָבען!" אָט וואָס עס זאָגט אונזער תורה
הקדושה. די חכמי התלמוד האָבען שוין אונז געלערנט, אז פון די זיבען פעל-
קער, וואָס האָבען געוואוינט אין כנען, האָט מען קיין פרויען נישט געטאָרט
נעהמען, נאָר פון אַנדערע פעלקער האָט די תורה מתיר געווען צו נעהמען
פרויען — — —

(פאָרטזעצונג קומט.)

וואס הערט זיך אין לאדז.

פלעצער פאר יודישע אינסטיטוציעס.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט א גרופע יודישע כלל-טהוערס ביי די יורשים פון פערשטארבענעם אנשטאט אבגע-קויפט אויף ניינסטינע פעראיננונגען די רעכטע אלעע ביי העלענענהאף מיט'ן צוועק אויף דעם פלאץ אויסצובויען בנינים פאר אייניגע היגע אינסטיטוצ-יעס.

א טייל פון פלאץ האט אבגעקויפט די געזעלשאפט, וואס האלט אויס דאס יודישע גימנאזיום און וועט אין ניבען שוין צוטרעטען אויסצובויען אנ'אייגע-נעם בנין.

אויף די אנדערע טיילען וועלען אויסגעבויט ווערען די אייגענע הייזער פאר אנדערע יודישע אינסטיטוציעס. מען פראיעקטירט אויך אויסצובויען דארט א בנין פאר א נייע 4 קלאסיגע יודישע שולע, וואס מען פראיעקטירט צו גרינדען אין ניבען.

* *

(ג) געקויפט האבען דעם גאנצען פלאץ די בעקאנטע היגע כלל-טהוער: ה. ליפשיץ, ל. צוקער, ל. ליבענשטיין, ס. סאמעט און ד. טעמפעל.

די געזעלשאפט, וואס האלט אויס דאס יודישע גימנאזיום האט פאר איהר טייל בעצאהלט 35,000 רובל, דער אקט וועגען דער קניה איז שוין פארינגען פריי-טאג אונטערגעשריבען געווארען ביי'ם רעגענט ניעזנאנסקי (פעטריקאווער 46) דעם אקט האבען מצד דער געזעלשאפט אונטערגעשריבען די פערוואלטונגס-מיטגליעדער: ד"ר מ. ברודע, נ. ניימאן און נ. קאפעל.

וועגען רעגולירען דאס טייכעל „דאברושינקא".

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אורטייל פון ווארשויער סודעבנע פאלאטע אין פרא-צעס וועגען פערראונרייניגען דעם פאב-יאניצער טייך „דאברושינקא", האבען איצט די פאביאניצער פירמען „קרושע און ענדער" און „ר. קינדלער" אויס-געארבייט א פראיעקט ווי צו רעגוליע-רען דאס טייכעל. זיי פלאנעווען צו מא-כען א קאנאל, דורך וועלכען דאס שמו-ציגע וואסער זאל אבלויפען.

דעם פראיעקט וועט מען שוין די טעג אריבערשיקען דעם פעטריקאווער גובערנאטאר צו בעשטעטיגען.

די גענעראל-פערזאמלונג פון „האליץ-ארבייטער-פעראיין".

(ג) אונטער'ן פארזיץ פון ה' ע. רובינ-שטיין איז פארגעסטערן אין אווענד אין „ווארשעווער-זאל" (פאלודניאווא 36) פארגעקומען די גענעראל-פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון „פראפעסיאנע-לען פעראיין פון די ארבייטער אין דער האליץ-בראנזשע", צו וועלכער ס'זענען געקומען ביז 800 פערזאן.

ה' מ. פיזענשטיין לעזט פאר דעם טהעטיגקייטס-בעריכט פון וועלכען ס'איז צו זעהען, אז ניט קוקענדיג דערויף, וואס דער פעראיין ווערט שטארק פער-פאלגט, ענטוויקעלט ער זיך זעהר גוט און צעהלט שוין העכער 300 מיטגליע-דער. דער בעריכט ווערט בעשטעטיגט.

די פערזאמלונג בעשליעסט דערויף צו בילדען ביי'ם פעראיין א קולטור- און בילדונגס-קאמיסיע, א קאמיסיע פאר מע-דיצינישע הילף, א קאמיסיע אויף צו פערהאלטען מיט'ן ארבייטס-פערמיט-לונגס-ביורא א. ד. ג.

די פערזאמלטע בעטראכטען דאן די פראגע וועגען אבשאפען די איבערשטונ-דע', נאך לעבהאפטע דעבאטען בע-שליעסט די פערזאמלונג צו זעהען מיט אלע מעגליכקייטען, אז דאס ארבייטען אין די איבערשטונדען זאל אבגעשאפט ווערען. די פערזאמלטע בעפאלמעכטי-גען אויך די פערוואלטונג, אז זי זאל אויסנוצען די ערלויבניש פון פעטריקא-ווער גובערנאטאר און זעהען, אז ס'זאל איינגעפיהרט ווערען פינקטליכע וועכ-ענטליכע אויסצאהלונג.

נייע ארבייטער קראנקען-קאסעס.

(ש) פארגעסטערן איז אין דער פעטריקאווער גובערנסקע פערזאמלונג אונטער דעם פארזיץ פון פעטראקאווער גובערנאטאר פארגעקומען א זיצונג פון דער קאמיסיע פאר ארבייטער-פערזי-כערונג. אין וועלכע עס האבען זיך אויך בעטייליגט פארשטעהער פון די פאבריקען מ. זילבערשטיין—ה' יוזעף מאלאכאווסקי, פון פאזנאנסקי'ס פאברי-קען—י. וואלטשינסקי און פון היפ-פערטס פאבריקען—ה' קעלער.

אויף דער זיצונג זענען לעגאליזירט און בעשטעטיגט געווארען די וואהלען פון פאלגענדע 14 ארבייטער-קראנקער קאסעס:

אין יעדע פאבריק פון דער אקציען געזעלשאפט לעאנהארט, וואלקער און גירערבארדט, אין דער פאבריק אקציען-געזעלשאפט ראבערט זאיננער אין פאביאניץ, יאקוב סטעלנער אין לאדז, מ. וויענער אין לאדז, הירשבערג און בירנבוים אין לאדז, ק. שייבלער לאדז.

אנ'אינטערעסאנטער פראצעס

די טעג איז אין פעטריקאווער אק-רושנאי סוד פארגעקומען אנ'אינטערע-סאנטער פראצעס צווישען ה' י. מייס-נער און טעאדאר פינסטער.

ה' מ. האט אין יאהר 1907 אויסגע-בויט אויף ווידזעווער 86 א גרויס הויז. אין יאהר 1912 האט ביי זיין הויז ווידער אויסגעבויט א וועבעריי און אנ'-אפרעטור די פירמע „טעאדאר פינסטער" צוליעב'ן קלאפען פון די מאשינען האבען זיך די שכנים פון מייסנער'ס הויז אלע ארויסגעצויגען. מ. האט פון פ. פערלאנגט, אז ער זאל פערמאכען די פאבריק און ווען ער האט עס נישט גע-טהון, איהם אנגעקלאגט אין געריכט.

דאס געריכט האט אבגעלעגט דעם פראצעס אויפ'ן 20 מאי, ווען עס וועט ארויסגעטראגען ווערען די רעזאלוציע אין פראצעס.

וועגען טאמאשאווער געגענזייטיגער קרעדיט-געזעלשאפט

(ש) פארינגע וואך איז אין פעטראקא-ווער אקרושנאי-סוד פארגעקומען אנ'-אלגעמיינע פערזאמלונג פון די קרעדי-טארען פון דער באנקראטירטער טאמא-שאווער געגענזייטיגער קרעדיט-געזעל-שאפט.

אויף דער טאגעסארדנונג איז געשטא-נען די פראגע וועגען אויסוועהלען א נייעם סינדיק איבער דער קאנקורס-מאסע. אויף דעם ארט פון דעם ביזאיצטיגען סינדיק אדוואקאט סלאָמינסקי. די פער-זאמלונג איז געווען א שטורמישע, די קרעדיטארען האבען שטארק פראטע-סטירט געגען די טעטיגקייט פון דעם ביזאיצטיגען סינדיק.

נאך לאנגע און שטורמישע דעבאטען איז אלס נייער סינדיק געוועהלט גע-ווארען דער פעטריקאווער אדוואקאט קאנסקי.

וועגען שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע.

(ג) ווי אונזערע לעזער איז בעקאנט, האט לויט'ן פערלאנג פון גובערנאטאר דער קאמיטעט פון בויען א שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע געקליעבען אונ-טערשריפטען צווישען די עטאט-צאה-לער, אז מען זאל אסיגנירען די 85,000 רובל יעהרליך אויף 4 יאהר מיט א מאל.

די קאמיסיע, וואס האט זיך פער-נומען מיט'ן קלויבען אונטערשריפטען האט ביז איצט צונויפגעקליעבען אונ-טערשריפטען ביי 3600 עטאט-צאהלער. אזוי ווי עס איז שוין פארהאן א גע-נינגענדע צאהל אונטערשריפטען פאהרט די טעג ארויס צום פעטראקאווער גו-בערנאטאר א דעפוטאציע מיט ערוו-ארד הייממאן אן דער שפיץ. כדי זיך משתדל זיין, אז מען ענדליך די סופ-סידיע בעשטעטיגען.

די פארשטעלונג פארן „האנדווערקער-קלוב".

היינט אין אווענד וועט אין גרויסען טעאטער פארקומען א פאפולערע טעא-טער-פארשטעלונג פאר די מיטגליע-דער פון „האנדווערקער-קלוב". גע-שפיעלט וועט ווערען צום 5-טען מאל ארציבאשעוו'ס דראמע „אייפערזוכט", אין וועלכער די גרויסע קינסטלערין מאראם לאפעל שפיעלט די הויפט-ראלע העלענא ניקאלאיעוונא.

א מאי-עקסקורסיע פון יודישע שילער.

(ג) אונטער'ן פארזיץ פון אינספעק-טאר פון די היגע יודישע עלעמענ-טאר-שולען ה' דמיטרעוו איז פארגעקו-מען א פערזאמלונג פון די עלטערע לעהרער פון די יודישע עלעמענטאר-שולען, אויף וועלכער ס'איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען איינארדנען א מאי-עקסקורסיע פאר די שילער פון די יודישע עלעמענטאר-שולען. די פערזאמלטע האבען בעשלאסען די עקסקורסיע איינצוארדנען דעם 16-טען מאי א. ס. די גמינע האט אויף דעם אסיגנירט 800 רובל. די פערזאמלטע האבען אויסגעוועהלט א קאמיסיע, וועל-כע ארבייט אויס דאס פראגראם פון דער מאי-עקסקורסיע.

פון לעדער-ארבייטער פעראיין.

(ג) אויף דער לעצטער פערזאמלונגס-זיצונג פון פראפעסיאנעלען-פעראיין פון די ארבייטער אין דער לעדער-בראנזשע איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענ-דען מיט א ביטע צום פעטריקאווער גובערנאטאר וועגען ערלויבען ביים פעראיין צו עפענען אנ'ארבייטס-פער-מיטלונגס-ביורא. אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך בעשלאסען געווארען קומענדיגען שבת צונויפצורופען אין „וויקטאריא-זאל" (דלונא 45) אנ'אויס-סערגעוועהנליכע פערזאמלונג פון די מיטגליעדער, אויף וועלכער ס'זאל בע-טראכט ווערען די פראגע וועגען נאר-מירען דעם ארבייטס-טאג.

די פערזאמלונג פון שניידער-ארבייטער-פעראיין.

(ג) פארגעסטערן ארום 4 א זייגער בייטאג איז אין זאל „הארמאניא" (צעגעלניאנא 63) פארגעקומען די פארטזעצונג פון דער יעהר-ליכער גענעראל-פערזאמלונג פון פראפעסיא-נעלען שניידער-ארבייטער-פעראיין, צו וועלכער ס'איז געקומען א גרעסערע צאהל מיטגליעדער.

אלס פארזיצענדער ווערט געוועהלט ה' אייזיק פעסעם וועלכער לאדעט איין אלס בייזיצענדע די ה"ה: ה. נעלבארדט און ו. ווייגנארטען; אלס סעקרעטער—ה' א. מיעדזשינסקי.

דער פארזיצענדער פון פעראיין ה' רוזא-וויטש לעזט פאר דעם טהעטיגקייטס-בעריכט, פון וועלכען ס'איז צו זעהען, אז דער פעראיין ענטוויקעלט לעצטענס א ברייטע און נוצליכע טהעטיגקייט. דער בעריכט, ווי אויך דער קאסע-בעריכט ווערען בעשטעטיגט.

די פערזאמלטע בעהאנדלען דערויף פער-שיעדענע פראגען וועגען אויסבעסערן די עקאנאמישע לאגע פון די מיטגליעדער און עס ווערט בעשלאסען זיך צו ווענדען מיט א ביטע צום פעטריקאווער גובערנאטאר, אז ער זאל דעם פעראיין ארויסגעבען א קאפיע פון פרייז-טאריף פאר שטיק-ארבייט פון יאהר 1907 און עם ערלויבען ארויסצוהענגען אין די שניידער-ווארשטאטען דעם אויסצוג פון די פלאטס-פערארדנונג וועגען נארמאלען אר-בייטס-טאג. די פערזאמלטע בעשליסען אויך צו בעטען דעם גובערנאטאר, אז ער זאל בע-שטימען א פאליציי סאניטארע קאמיסיע, וועלכע זאל זארגען פאר'ן סאניטארען צושטאנד אין די שניידער-ווארשטאטען. צום סוף פון דער פער-זאמלונג קומען פאר וואהלען פון א נייע פער-וואלטונג.

דער יובילעאום פון די היגע פייערלעשער.

(ג) די יובילעאום-פייערונג פון די היגע פייערלעשער איז געכטען אריבער גראנדיעז. פון 6 א זייגער אין דערפריה האבען זיך די פייערלעשער פערזאמעלט אין רעקווייזיטען-הויז אויף ניקאלאיעוו-סקא 54 און פון דארט גענומען מאר-שירען איבערן שטאדט אונטער דער בעגלייטונג פון די פייערלעשער-ארקעס-טערס. נאכדעם זענען אבגעריכט גע-ווארען גאטעס-דיענסטען אין דער קא-טולישער און יעוואנגעלישער קירכע. שפעטער איז אין רעקווייזיטען-הויז ווי-דער פארגעקומען א גרויסער באנקעט, צו וועלכען עס זענען אויך געקומען פיעל דעלעגאטען פון דער פראווינץ ווי אויך פארשטעהער פון דער מאכט. די פייערלעשער האט מען פערטיילט פיעל יובילעאום-זשעטאנען, אויסצייכ-נונגס-זשעטאנען און אבצייכנונגען פון ראמאנאוו-יובילעאום. די יובילעאומס-פייערונג האט זיך געענדיגט מיט א גרויסען מארש איבערן שטאדט.

א פערזאמלונג פון פעראיין „מלאכת הזהב".

די גרינדער פון פעראיין „מלאכת הזהב", צו וועלכען עס קאנען געהערען זייגער-מאכערס, גאלד-שמידען און יובעלירען רופען צוזאמען היינט מאנטאג אין האנדווערקער-קלוב א פער-זאמלונג וועגען דער גרינדונג פון פעראיין.

דער אוסטאוו פון פעראיין איז שוין זייט א לענגערער צייט בעשטעטיגט און ביז איצט איז ער אבער נישט געוועזען טהעטיג, די מאנטאג'דיגע פערזאמלונג דארף בעשטימען צי דער פעראיין זאל ענדליך געגרינדעט ווערען.

א זעלטענער פראצעס אין סענאט.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

דעם דאנערשטאג איז אין סענאט פארגעקומען אנ'אינטערעסאנטער פרא-צעס פון דעם בעקאנטען לאדזער איינ-וואוינער ה' שמואל פלארענשטיין, וואס האט אין זיין צייט געמאכט א געוואל-דיגען רושם אין לאדז און פיעל לאדזער איינוואוינער געדענקען די געשיכטע פון פראצעס נאך גאנץ גוט.

די איינצעלהייטען פון דעם פראצעס זענען פאלגענדע:

מיט אייניגע יאהר צוריק האט דער לאדזער בעקאנטער לעדער-סוחר ה' מיטמאך בעשול-דיגט ה' שמואל פלארענשטיין, מיט וועלכען ער איז געשטאנען אין האנדעלס-בעציהונגען, אז ה' פלארענשטיין האט ביי איהם פון דער וואוינונג ארויסגענומען אויף א גרויסע סומע געלד וועקסלען, וועלכע זענען ארויסגעגעבען געווארען פון פלארענשטיין'ס פאטער.

דער פראצעס איז פארגעקומען אין דער צווייטער קרימינאל-אבטיילונג פון פעטראקא-ווער אקרושנאי-סוד, וואו דאס געריכט האט ה' פלארענשטיין'ן פרייגעשפראכען.

דערויף האט ה' מיטמאך דערלאנגט אנ'-אפעלאציע אין דער ווארשאווער סודעבנע פא-לאטע און אויף דעם פריישפרעכענדען אורטייל פון אקרושנאי-סוד האט דער פראקוראר אויך פראטעסטירט.

די ווארשאווער סודעבנע פאלאטע האט דעם אורטייל פון פעטראקאווער אקרושנאי-סוד מבטל געמאכט און פעראורטיילט ה' פלא-רענשטיין'ן צו פערלירען אלע רעכט און אויף אנדערהאלבען יאהר ארעסטאנטסקע ראטע.

ה' פלארענשטיין האט ווייטער אויף דעם אורטייל דערלאנגט א קאסאציע אין סענאט אריין און די לעצטע האט דעם אורטייל פון דער פאלאטע בעשטעטיגט.

ה' פלארענשטיין איז נאכדעם אבגעזעסען אין דער פעטראקאווער טורמע.

ארויסקומענדיג אויף דער פריי האט ה' פלא-רענשטיין בעשלאסען די זאך ניט צו פער-שווייגען און אזוי ווי מיטמאך איז שוין דע-מאלט אליין געווען א גרויסער בעל-חוב אין לאדז, האט ה' פלארענשטיין אנגעהויבען אויפ-קויפען געגען איהם געלד-פרעטענזיעס פון פערשיעדענע פערזאנען און אזוי ארום זיך אברעכענען מיט איהם פאר זיינע אונשולדיגע ליידען.

ה' פלארענשטיין האט ערקלערט מיטמאך'ן אין געריכט ארמן און ארויסבעקומען ארעסט-לען. ה' מיטמאך האט דאס געלד ניט בע-צאהלט און איז פונקט אבגעפאהרען קיין אויסלאנד.

אין דער זעלבער צייט האט דער געריכטס-פריסטאוו אויף דער פאדערונג פון פלארענ-שטיינ'ען געמאכט אנ'ארעסט אויף מיטמאך'ס ווארען און קוויטענציעס אין דער וואוינונג פון מיטמאך'ן אבצושרייבען זיינע זאכען, האט דער געריכטס-פריסטאוו, צווישען אנדערע פאפירען געפונען אויך די וועקסלען, וועלכע מיטמאך האט געהאט אויף פלא-רענשטיינ'ס פאטער, בעשולדיגענדיג נאכדעם פלארענשטיינען אז ער האט זיי ביי איהם ארויס-גענגב'עט.

אזוי ארום איז זעלבסטפערשטענדליך דער גאנצער „שאנטאזש" ענטדעקט געווארען און פלארענשטיין האט די זאך איבערגעגעבען דער געריכטליכער אויספארשונגס-מאכט. דורך דער צייט איז מיטמאך צוריקגעקומען קיין לאדז, און דערוויסענדיג זיך, אז דער געריכטס-פריסטאוו האט געפונען די וועקסלען, האט ער פאר שאנדע בעשלאסען צו בעגעהען זעלבסטמארד און אויסטרינקענדיג ביי זיך אין דער וואוינונג א גרויסע דאזע קארבאל האט ער געמאכט אנ'ענדע צו זיין לעבען.

די געריכטליכע אויספארשונג האט בעשטע-טיגט, אז די וועקסלען וואס מען האט געפו-נען ביי מיטמאכ'ן זענען די זעלבע וואס מיט-מאך האט בעשולדיגט פלארענשטיינ'ען אז ער האט זי ביי איהם צוגעגנב'עט.

אזוי ווי פלארענשטיין איז פון געריכט פער-משפט געווארען צו פערליערען אלע רעכט און זיין אורטייל איז בעשטעטיגט געווארען פון סענאט, איז פלארענשטיין איינגעקומען אין סענאט מיט א ביטע, לויט די ענטדעקטע בע-ווייזען פון זיין אונשולד, איהם צוריקצוקערען זיין רעכט.

ה' פלארענשטיינ'ס פאדערונג האט אין סע-נאט פערטיידיגט דער בעריהמטער אדוואקאט קאראבטשעווסקי.

דער סענאט אויסהערענדיג די טענות פון פערטיידיגער קאראבטשעווסקי איז געקומען צום בעשלוס אז פלארענשטיין איז אונשולדיג פעראורטיילט געווארען און האט דעריבער אלע אורטיילען געגען פלארענשטיינ'ען מבטל געמאכט און איהם צוריקגעקערט זיין רעכט.

שלמה.

אנ'אנפאל אויף יודען אין נאווא-ראדאמסק.

וועגען אנ'אנפאל אויף א יודישער שוהל און א גרויסע שלעגערייא צווישען קריסטען און יודען, וואס איז פארגעקו-מען היינטיגען שבת אין אווענד אין נאווא-ראדאמסק, מעלדעט מען אונז פאלגענדעס:

(ש) שבת פארנאכט, בעת די יודען האבען געדאווענט אין דער ראדאמסקער שוהל, האט א יונגער קריסט פון א יאהר 18 אריינגעווארפען א שטיין אין שוהל אריין און אויסגעהאקט א פענסטער. די מתפללים האבען זיך זעהר דערשראקען און ס'איז אויסגעבראכען א מהומה צווי-שען זיי. אייניגע זענען ארויסגעלאפען פון דער שוהל זעהען, וואס דא איז פארגעקומען. בעמערקענדיג דעם קריסט, וועלכער האט געהאלטען נאך א שטיין אין האנד און געוואלט אריינווארפען, האבען זיך עטליכע יודען גענומען יאגען נאך איהם. דער שייגעץ האט געמאכט א געוואלד און גענומען שרייען, אז די יודען ווילען איהם דער'הרג'ענען, אויף זיין געשריי זענען זיך צונויפגעלא-פען א סך אנדערע קריסטען, אויך פיעל ארבייטער פון די פאבריקען, און ס'איז אויסגעבראכען א געשלעגע צווישען די קריסטען און יודען. מען האט די יודען געשלאגען מכות רצח. כדי צו פערגרע-סערן דעם טומעל און וואהרשיינליך מיט דעם צוועק צו מאכען א פאגראם האבען די קריסטען גענומען קלינגען אין די גלעקער פון די פייערלעשער און אזוי ארום צונויפגערופען גאנצע מחנות קריסטען, וועלכע מען האט אנ-גערייצט אויף יודען. אויף פערשיעדענע גאסען זענען פארגעקומען שלעגערייען. פון בייע צדדים זענען פאראן פער-וואונדעטע.

נאכדעם ווי די פאליציי איז אנגעקו-מען, האט מען דעם שייגעץ, וואס האט געווארפען דעם שטיין אין שוהל אריין, אויסערדעם נאך אייניגע קריסטען און יודען ארעסטירט און געמאכט א פרא-טאקאל וועגען דעם פארפאל.

צווישען דער יודישער בעפעלקערונג האט דער פלוצלונגדיגער איבערפאל געמאכט א שרעקען איינדרוק, און מען האט מורא פאר ווייטערדיגע אנפאלען.

פערשיעדענעס.

(ג) דער פעטריקאווער גובערנאטאר האט ערלויבט דער „ווילנער כעמיש-טעכנישער שולע" איינצוארדנען פון 22 מאי א. ס. אנ'עקסקורסיע פון די שי-לער, וועלכע וועלען בעזוכען: לאדז, בענדזשין, גראדזיצקי, ניפקא, סאסנאָ-וויץ און אנדערע פאבריקס-געגענדען כדי זיך צו בעקענען מיט די איינריכ-טונגען פון די לעצטע.

— (ג) א גרופע היגע בירגער האָ-בען זיך געווענדעט מיט א ביטע צו דער פערוואלטונג פון דער פאבריקס-באהן, אז זי זאל אויך היי-יאהר ווי פאראיאהרען איינפיהרען דעם שפאציער-צוג, וועלכער פלעגט פון לאדז ארויס-געהן 6 מיט 55 מינוט פארנאכט און זיך אבשטעלען אויף די זומער-וואוינונ-גען אין ווידזעוו, אנדרזשעיעוו, נאלקו-בעק און זשאקאוויץ. די פערוואלטונג האט די ביטע צוגעזאגט צו בעטראכ-טען אויף איהר ערשטער זיצונג.

— (ג) דעם 24-טען מאי וועט אין מאקס ראזענבלאט'ס פאבריק (שרעד-ניא 83) פארקומען א פערזאמלונג פון די ארבייטער וועגען קלויב'ן בעפאל-מעכטיגטע אין די ארבייטער-קראנקען-קאסע.

— (ג) אין לואי גייער'ס פאבריק וועט דעם 9-טען מאי א. ס. פארקומען א פערזאמלונג פון די ארבייטער וועגען בעטראכטען די פראגע איינצופיהרען אנ'ארבייטער קראנקען-קאסע.

— (ש) דער פעטריקאווער גובער-נאטאר האט צוגעשיקט א צירקוליאר צו אלע אויעזדנע נאטשאלניקעס פון פעטראקאווער גוברניע, אז זיי זאלען צושטעלען פון זייערע אויעזדען סטא-טיסטישע דאטען וועגען דער עמיגראציע אין די לעצטע 5 יאהרען ד. ה. פון יאהר 1909 ביז היינט.

— (ש) דער פעטראקאווער אקרוש-נאי-סוד האט ארויסגעגעבען איין מא-נאטליכען טערמין, פאר אלע קרעדי-טארען פון דער קאנקורס-ערקלערטער טאמאשאווער סטארישע קרעדיט-געזעל-שאפט, וועלכע בעדארפען דערלאנגען זייערע געלד-פרעטענזיעס צו דער געזעלשאפט.

— דאס מיניסטעריום פון אינערען האט ערלויבט דעם היגען מאגיסטראט צו אסיגנירען 5636 רובל פון דער שטאדט-קאסע פאר פערשיעדענע איינ-ריכטונגען אין די שטאדטישע פארקען אויף ניקאלאיעווער און פאנסקא גאס.

— צום יום טוב פון פויערים-בע-פרייאונג אין טשענסטאכאוו פאהרען ארויס פון לאדז אויף דריי טעג: 1 עלטערער פריסטאוו-געהילף, 5 רעווי-ראָוועס און 15 סטראזשניקעס צו העל-פען אבהיטען די ארדנונג.

— ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען פון נייעם שול-זמן אין לאדז געעפענט ווערען 40 נייע שולען פאר 2400 קינדער.

— היינט, מאנטאג אין אווענד וועט אין איינגענעם לאקאל (פאלודניאווא 20) פארקומען די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון יודישען לעהרער-פער-איין. אויף דער טאגעסארדנונג שטעהען די פונקטען: בעריכט, ביודזשעט, וואה-לען א. אז. וו.

— 60 לוינהעבערס פון דער פירמע טיבערג (ציגעל גאס 17) האבען פער-שטרייקט, פערלאנגענדיג אויף 10 פראצ-ענט צו העכערן זייער לוין.

— (ג) געכטען נאכמיטאג האט אין זאל פון „ט. ק. א." (מיקאלאיעווסקא № 11) דאס לאדזער פרייליין ד"ר פילאזאפיע פ. בירנצווייג געהאלטען א פארטראג „איבער געפיהלען".

— (ג) דער טראדיציאנעלער קאנ-צערט פון די געענדיגטע שילער פון ווינעצקי'ס מוזיק-שולע וועט היי-יאהר פארקומען אין קאנצערט-זאל (דזיעלנא 18) דעם ערשטען יוני.

— (ג) ביי ז. צוקערמאן (אלעקסאנ-דריסקא 28) האבען 20 ארבייטער גע-ווארפען די ארבייט, ארויסשטעלענדיג א פאדערונג צו בעסערן די ארבייטס-בעדינגונגען און אויך וועכענטליכע אויסצאהלונגען.

— (ש) אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פעטראקאווער גובערנסקע קא-מיסיע וועגען חברות און פעראיינען איז לעגאליזירט געווארען דער „פעראיין פון פרויען-שניץ אין פעטראקאוו".

— (ש) דער פאראטנע אינספעקטאר פון דריטען בעצירק אין לאדז ה' טימ-טשענקא איז בעשטימט געווארען אלס נאטשאלניק פון דער פיערטער אבטיי-לונג ביי דער פעטראקאווער קאזיאנע פאלאטע.

— (ש) דער געהילף פון פאראטנע אינספעקטאר פון ערשטען בעצירק אין לאדז ה' ווינאגראדסקי איז בעשטימט געווארען אלס אינספעקטאר אין טורעק.

זעלבסטמארד.

(ג) פארגעסטערן אין דער פריה האט מען אויפ'ן בוידעם פון הויז 9 אויף גובערנאטארסקא גאס געפונען הענגענדיג אנ'אומבעקאנטען מאנספערזאן. מען האט וועגען דעם מיטגע-טיילט דער פאליציי, וועלכע האט אין דעם זעלבסטמערדער דערקענט דעם פאבריקס-אר-בייטער יאן אלעקסיאק, 49 יאהר אלט. די סיבה פון זעלבסטמארד איז אומבעוואוסט.

די פראווינץ.

(פון אונזערע קארעספאנדענטען).

זדונסקא-וואליא.

א קאאפעראטיווע לווינוועבער-פאבריק.

ווי איך האב שוין מיטגעטיילט, האָ-בען דא אין אונזער שטאדט די לעצטע צייט זיך געגרינדעט אייניגע קריסטליכע קאאפעראטיווע געוועלבער פון גאלאנ-טעריע, קאלאניאל, קוילען און האלץ.

די טעג האט זיך אויך דא געגרינדעט א קאאפעראטיווע לווינוועבער-פאבריק אויף אנצונעמען ארבייט אויף לווינען. די דאזיגע פאבריק איז נאטירליך גע-גרינדעט אום צו קעמפפען מיט די יו-דישע לווינוועבער. די לווינוועבעריי איז ביז יעצט אויסשליסליך געשטאנען נאר אין יודישע הענד. איצט ווערט די נייע פאבריק אויך אונטערשטיצט פון יודישע פאבריקאנטען. אויף אזא אופן וועלען די יודישע לווינוועבער באלד איינגאנצען בלייבען אהן ברויט.

A. A.

וועגרוב.

שבת צונאכט האלב 10 א זייגער אין אווענד איז אין לאקאל פון הזמיר פאר-געקומען די יעהרליכע פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון היגען יודישען „דאבראטשינאשץ". נאכ'ן פארלעזען דעם בעריכט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר, האט די פערזאמלונג אנגענומען דעם ביודזשעט פאר'ן קומענדיגען יאהר און מען איז צוגעטראטען צו די וואהלען, וועלכע האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט: אלס פרעזעס זענען אויס-געוועהלט געווארען די ה"ה משה אייגער און ד"ר וויססמאן. אין די פערוואלטונג: די ה"ה שמעון, ש. סריבניק, מ. מאר-גולים, ש. נאפטאלין, ל. סירקים, נתן ארער, א. י. בערנער, י. סטריקאווסקי, ל. לאנדוי, יצחק בארנשטיין. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: מ. ווארשאווסקי, ב. קאהן און י. מיעכאווסקי.

פעטרקאוו.

ניעמאיעווסקי'ס פארלעזונג.

דן טעג האט דא אין זאל פון דן קרומטלוכע האנדווערקער געהאלטען א פארלעזונג דער בעקאנטער „פראגרעסיווער" אנטיסעמיט אנדזשע ניעמאיעווסקי, אויף דער טהעמא „די שטוק פון תלמוד".

דן פארלעזונג האט צינעצייניגען דן פוי-לישע אינטעליגענץ און דן שטודירענדע יוגענד.

אויף דער פארלעזונג זענען אויך „פער-בלאנדזשעט" געווארען צוויי יודישע בחורים און א יודיש פרויליין, דאגעגען פון דן חוגענע ערב-משומדים און אסימולאטארען איז קיינער ניט געקומען.

ווי עס איז געווען פאראויסצוזעהען, האט ניעמאיעווסקי זעהר וועניג גערעדט וועגען דער טעמע גופא, נאר ער האט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט אנצופאלען אויף יודען.

זיין רעדע איז געווען פול מיט בעליי-דיגונגען און בלבולים געגען יודען, דערביי האט ער געשאטען מיט העברעאישע-פרא-זען און געוואלט בעווייזען, אז ער קען העברעאיש.

זיין רעדע האט און זאל צווישען די אינטעליגענטערע קרייזען ארויסגערופען א אומצופרידענהייט דערפאר, וואס וועגען דעם עצם-ענין, ד. ה. „וועגען דער שטוק פון תלמוד" האט ער זעהר וועניג גערעדט, נאר געשי'ט פעך און שמוץ בכלל אויף יודען און אלגעמיין, געבראכט פאלשע ציטאטען א. אז. וו.

צולעצט האט ער זעהר פיעל געדרעט

געגען דן משומדים, און ווי ענגערופֿען די „ערנסטע יודען" דערפֿאר האָט ער אוים־געגאַסען זיין בוטער הארץ און זיין גאַנצען באָרן געגען די נאַלוציאָנער יודען, ווייל פֿון האָט איהם ניט ערלויבט און נאַלוציען צו האַלטען זיינע פֿאָרלעזונגען.

זיין רעדע האָט ער געענדיגט מיט דער אויפֿפֿאָדערונג צו די קרוסטליכער בעפֿעל־קערונג, אנצווענדען אַלע מעגליכקייטען, אים זיך פֿון די יודען צו בעפֿרייען.

דו ציהערער האָבען איהם דאך געמאַכט שטאַרקע אָוואַציעס.

שלמה.

כ ו ש ו ש י ן.

א רעוויזיע אין שוהל.

מיטוואך אין אָווענד האָט דער ספּעציעל אַהערגעקומענער פּעטראָקאָווער ושאַנדאַרמסקע־נאַטשאַלניק אין בעגליימונג פֿונ'ם היעזיגען ועסקען נאַטשאַלניק מיט א גרויסע פּאָליציי־אַבטהיילונג געמאַכט א אָביסק אין וואָהנונג פֿונ'ם היעזיגען שאַהל־שמש ה' אהרן פֿריעדמאַן. דאָס גאַנצע הויז וואו ה' פֿריעדמאַן וואָהנט איז בעוואַכט געוואָרען פֿון פּיעל פּאָליציסטען. דער אָביסק וועלכער האָט געדויערט א לענ־גערע צייט האָט קיין שום אונלעגאַלעס ניעש ענטדעקט. נישט בעטראַגענדיג זיך דערמיט איז געמאַכט געוואָרען א שטאַרקער אָביסק אין דער שוהל. דאָרט האָט מען א גרעסערע מייל פּאַפּירען וואָס דער שמש האָט געהאַט ליגען אין „שלחן" ווי למשל אַקטען, בריעף א. ד. ג. קאָנפֿיסקירט. ה' פֿריעדמאַן איז לויט'ן בעפֿעהל פֿונ'ם זשאַנדאַרמסקע נאַטשאַלניק באַלד אַרעס־טירט געוואָרען. אויף מאָרגענס איז אָנגעקו־מען א טעלעגראַמע פֿון פּעטראָקאָוו, אַז מ'זאָל דעם אַרעסטירטען בעפֿרייען וואָס עס איז טאַקי באַלד אויסגעפֿיהרט געוואָרען.

די סיבה פֿונ'ם אָביסק איז ווי מ'גיט איבער, דאָס, וואָס אויף ה' פֿריעדמאַן איז אָנגעגעבען געוואָרען א מסירה, אַז ער בעשעפֿטיגט זיך מיט פֿאַלשע געוואַשענע־מאַרקען.

ישראליק.

ט ש ע נ ס ט א כ א ו.

די אַלגעמיינע פֿערזאַמלונג פֿון סוחרים און פֿאַבריקאַנטען־פֿעראיין.

די טעג איז דאָ אין זאַל פֿון האנדווערקער־קלוב, פֿאָרגעקומען די אַלגעמיינע יעהרליכע פֿערזאַמלונג פֿון היעזיגען יודישען סוחרים און פֿאַבריקאַנטען־פֿעראיין.

אַלס פֿאָרזיצענדער פֿון דער פֿערזאַמלונג איז אויסגעוועהלט געוואָרען ד"ר זאַקס.

עס ווערט פֿאָרגעלעזען דער בעריכט פֿאַר דעם פֿערגאַנגענעם יאָהר, לויט וועלכען עס איז צו זעהן, אַז דער פֿעראיין צעהלט ביז איצט שוין 75 מיטגלידער.. עס זענען אויס־גענוצט געוואָרען פֿערשיעדענע אינטערעסענטען צווישען פֿאַבריקאַנטען און סוחרים דורך שיעדס־געריכטען, עס זענען אנגענומען געוואָרען מיטלען צו עפֿענען די פֿאַבריקען, וואָס זענען דורך דער אדמיניסטראַציע געשלאָסען געוואָ־רען א. או. וו.

עס איז בעשטעטיגט געוואָרען דער בודזשעט אויף דעם לויפֿענדען יאָהר אויף א סומע פֿון 800 רובל און די פֿערוואַלטונג האָט דאָס רעכט, לויט איהר איינזעהן, צו העכערען נאך אויף 10 פּראָצענט.

די פּראָיעקטען, אַז יעדער סוחר זאָל ארויס־לעגען אויף זיינע בריעף און רעכנונגען א כמעטפּעל מיט א צייכען, אַז ער געהער צום פֿעראיין, און כדי פֿעראיין זאָל זיך עפֿענען א אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָ, ווערען נאך שטאַרקע דורכגעטאַן פֿון דער מאַגעסאָרדנונג אראָבגע־נומען.

צו לעצט קומען פֿאָר די וואַהלען וועלכע געבען פֿאָלגענדע רעזולטאַטען:

אין דער פֿערוואַלטונג זענען אויסגעוועהלט גע־וואָרען די ה"ה ד"ר וו. זאַקס, גוסטאַוו נייטמאַן, ד. כ. לאנדוי, י. דינענבלום, ז. שטיידער, י. גאָלדמאַן, י. זילבערבערג און שמולעוויטש.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: די ה"ה מ. דאַנ־קאָוויטש, מ. וויינבערג, מ. פּודאָוויטש, ל. ליפּסקי און טענענבוים.

S. F.

רעדאַקטאָר: י. אונגער.

אַרויסגעבער: ע. האמבורסקי. א. טענענבוים.

גרויסעס טעאַטער ד"ר. י. זאַנדבערג.

היינט מאָנטאָג 29־טען האַנדווערקער־קלוב פֿאַר'ן פּאָפּולערע פֿאָרשטעלונג

10־טער גאַסטראָל פֿון דער גרויסער קינסטלערין די פֿון אַלען אַנערקענטען בעסטע יודישע דראַמאַטישע שוישפּיעלערין, וועלכע האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען נאָמען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ביהנע

מיסס מאַלווינע לאָבעל

געשפּ. הערט

צום פֿינפֿטען מאָל אַרציבאַשעוו'ס בעוואוסטע דראַמע

די אייפֿערזוכט

אין וועלכער די גרויסע קינסטלערין אונזער טייערער גאַסט מיסס מאַלווינע לאָבעל טרעט אויף אין איהר קרוין־ראָלע אלס העלענא ניקאָלאַיעוונא אין וועלכער זי האָט דעם לעצטען סעזאָן אין ניו־יאָרק געמאַכט א ריעזען־פֿוראָר.

בעמערקונג: אין דער אייפֿערזוכט בעטייליגען זיך די נייע אנגאזשירטע אַרטיסטען: דער גוט בעקאַנטער בעליעבטער כאַראַקטער־שוישפּילער ה' לאַנדוי

און אנדערע, ווי אויך די בעסטע קרעפֿטע פֿון אונזער בעוואוסטען אַנסאַמבל.

די איבערגעבליבענע בילעטען ביי זעהר ביליגע פּרייזען בעקומט מען חינט ביז 5 א זייגער אין מאַגאַזין פֿון ה' ליקערמאַן דזיעלנא 2, נאָך 5 א זייגער נור אין דער קאַסע פֿון גר. טהעאַטער. אויספֿיהרליכעס אין די פּראָגראַמען.

מאָרגען דינסטאַג 11־טער גאַסטראָל פֿון דער געפֿייערטער קינסטלערין

מיסס מאַלווינא לאָבעל.

טיטען־מאַכערס

יונגלעך קענען זיך מעלדען, צו קוטנער, פּאַנסקא 38. 175 1

הערען־שניידער־געזעלען

און הויזען־וועסט־נייהער ווערען געזוכט, זאַכאָדניא 22. 188

צו פֿערמיעטען

פֿון 1־טען יולי אין גוטען פּונקט א גע־מוירערטע רעמיזע פֿון א פּאַרטער און אַיין שטאָק געאייגענט פֿיר מעבעל־געשעפֿט, אויך געוועלבער מיט וויטטאוועס און 2 צימער און קיכע מיט בעקוועמליכקייט אויף גלובנאַ 67a, צו ערפֿאַהרען ביי ל. לעש־צינסקי, גלובנאַ 57. 190 3 1

עס

ווערט געזוכט איין מעדכען צו קינדער־גאָרטענערקע, ווי אויך איין לערן־מיידעל ביי פּערענבאַך פּעטרי־קויער שטר. 21 פּראָנט. 191 1

אנאָנסען

פֿאַר'ן „לאָדזער טאַגעבלאַט" נעהמט אָן

אין בזשעזין

אונזער פֿערטרעטער ה' א. שאַפּמאַן

אין קאַליש

בעקומט מען דעם

„לאָדזער טאַגעבלאַט"

ביי אונזער אַגענט ה' לייב גאָלדמאַן פּיעטריקאַווער גאַס.

נור אין טעאַטער „אַפּאָלאָ־פּאַריזיען"

פּעטריקויער 15 פּעטריקויער 15

היינט מאָנטאָג ווירד געוויזען צום לעצטען מאָל

דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס

א שוידערהאַפֿטע דראַמא אין 4 גרויסע טהיילען מיט אויסערגעוועהנליכע מאָמענטען וועלכעס עס מאַכט אויף די צושויער איין שטאַרקען איינדרוק, און נאך אנדערע בילדער.

אויסער'ן פּראָגראַם ווירד געוויזען:

דער באַנדיט דאַניעל שטעפּער אוים הילזון מיט זיינע גאַנצע באַנדע

זיין גאַנץ בעגאַנגענהייט פֿון אנפֿאַנג ביז ענדע.

וויכטיג פֿיר לאָדזער פּוטער־געוועלבער!

אין הורט־געשעפֿט פֿון י. פּינטשוק עט קאַמפּ.

בעקומט מען צו יעדער צייט אַלע בעסטע שמאַנד־פּוטער פֿון די בעסטע היעזיגע מאַרקעס ווי אויך סיבירער שמאַנד־פּוטער אָהנע זאַלץ, און געזאַלצענע ערשטע סאָרט צו ביליגע פּרייזען, דער איינצעל־פֿערקויף בעקומט אימער פֿון 10—12 קאָפּ. דאָס וויינינגסטע פֿון פֿונט ראַבאַט. מיט אַכטונג י. פּינטשוק עט קאַמפּ.

נייער־רינג 6, טעל. 30־89. 183 31

דאָס בית המקדש־אויסשטעלונג

85 וואָלטשאַנסקאַ 5

בלייבט אָפֿען נור נאך איינינע טעג.

ענטרע 30 קאָפּ.

צו פֿערמיעטען

1 לאַדען מיט פֿערשיעדענע וואָהנונגען אין הויז פֿון יוסף פֿלאַקס נאַוואָמיעסקאַ № 34 עקע אַלטער־מאַרק, וועלכעס איז איבערגעגאַנגען צו א נייעם בעזיצער קאַפּלאַן. דאָס הויז איז פֿאַלשטענדיג רענאָווירט. צו ערפֿאַהרען דאָרטועלבסט ביים ווירט פֿון 10—1 און פֿון 3—6 נאָכמיטאָג. 189 3 1

קאָנצערט־גאָרטען „מאָנטיפּעל"

טעגליך קאָנצערט.

צווייטעס גרויסעס קאָנצערט פֿון וואַרשוי־ער סימפֿאָנישען אָרקעסטער אונטער ליי־טונג פֿון ה' בראָניסלאַוו שולץ. פּראָפֿעסאָר פֿון וואַרשויער מוזיק. געזעל.

אנפֿאַנג האַלב 9. אם זאָנ־ און פֿייערטאָגען 8 אוהר. ענטרעע 30 קאָפּ. אַבאָנאַמענטען 12 בילעטען 3 ר' יעדען פֿרייטאַג סימ־פֿאָניע־קאָנצערטע. ענטרעע 50 קאָפּ. אַבאָנעמענט אונגילטיג.

די ערשטע הייל־אַנשטאַלט־אַמבולאַטאָריום

פֿיר קאָמענדע קראַנקע.

פּעטריקויער 45 טעלעפֿאָן 30־13

דר. ק. בלום, נאָז־, אויערען־ אונד האַלז־קראַנקה. מאָנט., דיענסט., מיטוו., דאָנער־שטאַג, פֿון 1—2, פֿרייטאַג, שבת, זונט. פֿון 9—10 פֿריה.

דר. י. ליפּשיץ, קינדער־קראַנקהייטען פֿון 1—2.

דר. מ. קאַנטאָר, חירורג־קראַנקהייטען פֿון 2—3 און 7—8.

דר. מ. פּאַפּיערני, פֿרויען־קראַנקהיי־טען פֿון 3—4.

דר. ב. דאַנכין, אויגען־קראַנקהייטע נעהמט אָן מעגליך פֿון 9—10 פֿריה.

דר. י. שוואַרצוואַסער, אינערליכע און נערווען: פֿון 10—11 אונד $4\frac{1}{2}$—$5\frac{1}{2}$.

דר. ל. פּריבולסקי, הויט אונד ווענע־רישע קראַנקהייטען זאָנט. דיענסט. דאָנערשט. זונד פֿרייטאַג פֿון $1\frac{1}{2}$—$2\frac{1}{2}$. מאָנטאַג, מיטוואָך און שבת פֿון 8—9.

דר. שומאַכער הויט און געשלעכטס־קראַנקהייטען, מאָנטאַג, מיטוואָך און שבת פֿון $1\frac{1}{2}$—$2\frac{1}{2}$. דיענסטאַג, דאָנערשטאַג און פֿרייטאַג פֿון $8\frac{1}{2}$—$9\frac{1}{2}$ אַבענדס זונטאַג פֿון 2—3.

בלוט־, אורין־אַנאַליזען, פּאָקען ווצען. אינהאַלאַציאָן נאך סיסטעם פּראָפֿעסאָר קראַסטען.

פֿיר אונבעמיטעלטע בעראַטונג 50 קאָפּ.

10 מינוט ווייט פֿון ריגא'ער טראַם, ביים ברעג פֿון א זעע זענען צו פֿערקויפֿען 220320 קוואַדראַט־מעטער לאַנד, אויף וועל־כען עס געפֿינט זיך א שלאָס, ווילאַס און ווירטשאַפֿטס־געביידען, א וואַלד פֿון נאַדעל, לויב און אייכען־בוימער ווי אויך הערליכע ליגען־אַלעען און ספּאָרט־פּלעצער געאייגענט פֿאַר א

סאַנאַטאָריום

צו פֿערקויפֿען, פֿאַר נעכטען איינציגע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זעלען עס פֿינאַנ־סירען און א העברעאישען אַבער־אַרצט, וועלכער זאָל איבערנעהמען די לייטונג פֿון סאַנאַטאָריום.

Nähere Auskunft wird in Riga Gr. Newastrasse 5. Qu. 20 erteilt Diskretion zugesichert. Correspondenz ist in deutscher Sprache erwünscht. 5624 1

האָט רחמנות.

א אָרימער יוד האָט פֿערלוירען, געהענדיג פֿון אנדזשעיא ביז פּעטריקויער 83 א בייטעלע מיט קנאַפּע 8 רובל. דער ערליכער פֿינ־דער ווערט געבעטען עס אָבצוגעבען גע־גען בעלאָהנונג ביי מ. ה. דיקערמאַן, שרעדניא 23. 179 1

סעראַטע־רעשטען

צו בעקומען ביי משה יאַסקאָוויטש, אַלעק־סאַנדער־שטר. 20 (פּאַרטע). 180 3 1



פֿריש אָנגעקומענע לעבעדיגע

פֿיש

אַלע סאָרטען, צו 15 קאָפּ א פֿונט, און נאך ביליגער איז צו בעקומען וואָלטשאַרניא 16. 182 1

Ривенъ Шмуловъ Розенфельдъ

потерялъ свой паспортъ выдан. пос. Раковъ, гм. Рендевъ, Радомск. губ. Отдать въ полицію. 184

א יונגע ווערט געזוכט, דזשעלנא שטר. 25 ביי סענאַלאָוויטש. 1

א מוסטערצייכנער

ארער אנדערער בעשעפֿטיגונג זוכט א יונגערמאַן פֿון בעסערע פֿאַמיליע נעגען קליינעס געהאַלט. אָנפֿראַגען זיך אין רעדאַקציע. 185 2 1

א טיכטיגער אַגענט

ווערט געזוכט אויף פּענסיע אין פּראָווינצען צו א גאַנגבאַרער הויז־אַרטיקעל. דזיעלנא 64 וואָהנ. 2. 187 3 1

דר. ל. פּריבולסקי

פּאַלודניאַוואַ 2. טעל. 13־59.

ספּעציאַל־אַרצט פֿיר הויט, ווענערישע און האָר־קראַנקהייטען עס מענער־שוואַכע, אויף קאָסמעטישע פֿאָלגען. בעהאַנדלונג פֿון סיפֿילים נאך עהרליך האַטא 606 914 אָהנע בערופֿס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד ווּיבראַציאָנס־מאַסאַזש. שפּרעכשטונדען פֿון 9—1 אונד 4—9. פֿיר דאַמען 5—6 בעזונדער וואַרטע־צימער.

קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקלעהרער

ז. זילבערטס

איז אויס מאָסקווי צוריקגעקעהרט, גיט אונטערריכט ספּעציעל אין שטימען־בילדונג, קלאַוויר, טעאָריע, האַרמאָניע און פֿולען קורס פֿון קאָמפּאָזיציאָנען. וואָהנט דזיעלנא № 41 עמפּפֿאַנגט פֿון 11 ביז 1 און פֿון 4 ביז 7. 6879

א זומערוואָהנונג

מיט בעקעסטיגונג, אין דער נאָהען אין ראָגאָוו קען א איינצעלנע פּערזאָן אָדער פֿאַמיליע בעקומען. רעד. הערש פֿלאַכס 177 2 1

Dr. B. Rejt

שרעדניא 5 — טעלעפֿאָן 34־79.

ספּעציאַליסט אויף קראַנקהייטען: הויט, האָר, וועגערישע, געשלעכטס און ערצט־ליכע קאָסמעטיק. היילונג פֿון סיפֿילים מיט סאַלוואַרסאַן עהרליך האַטא 606 און 914. היילונג מיט עלעקטריציטעט, עלעקטראָליזען (ענטפֿערנונג פֿון האָר), בעלייכטונג פֿון קאַנאַל (אורעטראָסקאָפּיע). עמפּפֿאַנג: פֿון 9 ביז האַלב 12 און פֿון 5—8. זונטאַג־און פֿייערטאָגען פֿון 10—2. פֿיר דאַמען א בעזונדער וואַרטע־צימער. 416

Russ.-Techn. Bureau

Liefert Maschinen für sämmtliche Industreille Zwecke, energische Stadtvertreter gesucht. Auftragen zu richten nach Berlin, Schiffbauerdamm № 14.

אקושעריו־מאַסאַזשיסטין

דיפּלאָמירט פֿון הייזערל. מעדי־צינ־אַקאַדעמיע אין פּעטערסבורג נעמט אָן מאַסאַזש, געבורטען חויט־איינ־שפּריצונגען, ערטהיילט ראַטה אונד הילפֿע נעהמט פֿאָלשטענדיגער סעקרעט. ברוסט־ענטוויקלונג. 903 10 6

אַנדזשעיא 39, וו. 13, פֿון 12—8.

Gebrüder Rauh

Gräfrath 669, bei Solingen Rheinpreussen.

שטאהלוואַרען־פֿאַבריק און פֿערזאַנד־הויז

ערשטע ראַנגעס.

עס ווערט אַרויסגעשיקט דירעקט צו פּריוואַט־פּערזאָנען.

די הינטערשטעהענדע האָר־שנייר־מאַשין שיקען ווינר אַרוים אויף

30 טעג צור פּראָבע!!!

BRILLANT FABRIK-MARKE

אַבבילדונג 1/3 נאַטירל. גרעסע.

האָר־שנייד־מאַשין

№ 264 „פּערפֿעקט"

מיט 2 אויפֿשיעבען־קאַמען, כדי צו קענען שניידען די האָר אויף 4, 7 און 10 מ/מ.

נור פֿיר 1 ר' 85 כ' (פּאָרטאָ בעזונדער)

№ 264½ „סימבאַלא"

גענוי ווי נומר 264, אָבער אין א לייכטערער אויספֿיהרונג

נור 1 רובל 55 קאָפּ. (פּאָרטאָ בעזונדער).

יעדער פֿאָטער איז אימשטאַנד זיין זוהן אָהן פֿריהערינע איבונג די האָר אַליין צו שניידען, א נעבראוכס־אנווייזונג ווערט צו יעדער מאַשינע ביינעלענט. — גרויסער אייכאהאל פֿון האָר און באָרד־שער־מאַשינען ווי ראַזיר־מעסער און ראַזיר־אַפּאַראַטען אין יעדער פּרייזלאַגע, אַלע ראַזיר־נעגענשטענדע, ווי נעפּ־טע, פּענזיל, שטרייכריעמען, זייף, אַבציה־שטיינער א. ז. וו. בילינ. אויף דער בעשטעלונג ווערט געבעטען די אַדרעסע צו שרייבען דייטש און ווי אויך די גובערניע.

וויר ליינען אייך פֿאַר בעזונדערע פֿאַרטייל!

פֿערלאַנגט אומזאָנסט און פּאָרטאָ־פֿריי אונזער גרויסען אילוסטרירטען

פּראַכט־קאַטאַלאַג

וועלכער ענטהאַלט צירקא 10.000 געגענשטענדען פֿון אַלע נאַטונגען סחורות אין גרעסטען אויסוואַהל.

הונדערט־טויזענדער קונדען. פֿיעל טויזענד אַנערקענונגען איבער דער גוטקייט און קוואַליטעט פֿון אונזערע סחורות.

ביי יעדע בעשטעלונג בעזונדערע בעפֿריעדיגונג (ראַבאַט־שיין).

סוווערט אַרויסגעשיקט אונטער נאַכנאַהמע אָדער געגען פֿאָראויסצאָהלען פֿון בעטראַג.

נאַראַנטיע־שיין: איטפֿאַלס ווען עס געפֿעלען נישט די געשיקטע זאַכען, טהוען מיר זיי נעהמען איבער־טוישען אָדער מיר צאָהלען דעם בעטראַג צוריק.

4־קלאַסיגע קנאַבען־שולע

לייט'ן פּראָגראַם פֿון רעגירונגס־פּראָגימנאַזיען פֿון

א. זשימאַווסקי אין לאָדז.

איינטריטס עקזאַמענס אין די קלאַסען: וואָרבערייטונגס, I, II און III פֿאַנגען אָן ד. 4 יוני, ביטען גיבט אן די קאַנצעליי פֿון דער שולע, פּעטריקויער 271 טעגליך פֿון האַלב 10—3 נאָכמיטאַג, ביי דער ביטע מוז מאָן ביילעגען א פֿאָרמעלע מעטריקע, שטאַט־צייגניס, און פֿון צווייטען מאָל פּאָקען געזעצט. איינשרייב־געלד אין די וואָרבערייטונגסקלאַסע 60 רובל אין די I און II און III 75 רובל יעהרליך. יודען ווערדען אָנגענומען גלייך מיט אַלעמען. 807 7 9

אַדוואָקאַט

נ. וויינבערג

77 דלוגא 77

שפּרעכ. 8—11 פֿריה און 2—10 אַבענד. 5006

א. א. אויך מיליטערואַכען און אַלער אַרט שתדלנות און אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטען.

איין אינטעליגענטע פֿרוי

אָדער פֿרויליין די איין גימנאַזיום אַבסאָלווירט האָט און אויך קלאַוויר שפּיעלען קען, ווירד נאך אויסערוועלטעס געזוכט. צו ערפֿאַהרען ביי

י. שוואַרץ, פּעטריקויער 69. 5620

עקסטרא טעלעגראַמע פֿון ריגא!

שפּראָטען אין עהל מיט 28 רובל די קיסטע דירעקט פֿון ריגא צו בעשטעלען מיט 27.50 צו בעקומען ביי 174 1

ח. פּישעלעוויטש

זאַוואַדזקאַ № 16a טעלעפֿאָן 83־69

קאָפּשמערצען, מיגרענע



רעוומאַטיזם און אַרטרעטיזם טהוט גרינדליך בעזייטיגען „מינרענאַ־נערוואָזין"—"Migreno-Nervosin„. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק־מאַגאַזינען, א פּראָשעק 10 קאָפּ. דער אָרט געברויכען: ארויפֿשיטען דעם פּראָשעק אויף דער צונג און נאַכטרינקען וואַסער מיט ציטרין. אָריגינעלער „מינרענאַ־נערוואָזין" איז אייביג מיט דער מאַרקע א „האָן" "Kogut". אָבער קיינמאָל ניט אין אָפּלאַטקעס. 5166 39

הייל־אַנשטאַלט פֿיר הויט־ אונד וועגערישע קראַנקהייטען

ד"ר ל. פּאַלק, ז. נאַליץ א. סט. יעלניצקי

וואָלטשאַנסקא 36, טעלעפֿאָן 14־81.

אויפֿנאַהמע שטאַציאָנערער קראַנקער (אין איינצעלצימערן אונד אַלגעמיינען קראַנ־קענזעלען). — טעגליך אַמבולאַטאָרישער עמפּפֿאַנג אונבעמיטעלטער פּאַציענ־טען, קאָנסולטאַציאָן 60 קאָפּ. 737

רענטגען־, ליכט־ אונד עלעקטריציטעטס־קורען.

בלוט־אונטערזוכונג ביי סיפֿילים. עלעקטרישע גליהליכט־בעדער.

שפּרעכשטונדען דער אַמבולאַנץ: וואָכענטאַגס פֿון 8 ביז 9 אוהר פֿריה. 12 ביז האַלב 3 אוהר מיטאַגס און $7\frac{1}{2}$ ביז $8\frac{1}{2}$ אוהר אַבענדס. — אַם זאָנ־ און פֿייערטאַגען: פֿון 8 ביז 10 אוהר פֿריה און 12 ביז האַלב 2 אוהר נאָכמיטאָג.

Dr. A. Grosglik

רענטגען און ליכט־היי־אינסטיטוט.

זאַכאָדניא 68 טעל. 30־16.

הויט, האָר, וועגערישע און האַרן־אָרגאַ. קראַנקהייטען, בלוט־אונטערזוכונג ביי סיפֿילים בעהאַנדלונג מיט רענטגענשטראַהלען, קווארץ ליכט און העכסטע קוועניך (צערסאַנאַלי־זאַציאָן שפּרעכשטונדען פֿון $8\frac{1}{2}$—$11\frac{1}{2}$ און פֿון 5—8, פֿיר דאַמען 5—6.

Dr. P. Grossman

דר. פּ. גראָסמאַן

אינערע און קינדער־קראַנקהייטען

פּעטריקויער 15, טעל. 21־88

שפּרעכשט. 9—10 פֿריה און 5—7 נאָכמ. 4241

Dr. D. Fried

ד"ר ד. פֿריעד

ספּעציאַל־אַרצט פֿיר אינערע אונד קינדער־קראַנקהייטען וואָהנט יעצט ציגעלניאַ־שטר. 45 הויז בארמש. שפּרעכשטונדען פֿון 9—11 פֿריה און פֿון 6—8 נאָכמיטאָג. טעלעפֿאָן 11־88.

היילאַנשטאַלט

פֿיר

אויגענקראַנקע

מיט שטענדיגע בעטען פֿון

Dr. B. DONCHIN

פּעטריקויער 69, טעל. 30־28.

שפּרעכשטונדען אין אַמבולאַטאָריום פֿון 10—12 און פֿון 4—7 נאָכמיטאָג. עמפּפֿאַנג פֿון קראַנקע פֿיר אָפּעראַציאָנען אויף שטענדיגע בעטען. פֿיר אָרמע יעדען מאָנטאַג פֿון 9—10 אומזיסט. 401 109

פֿון אויסלאַנד צוריקגעקעהרט

דר. לעווקאָוויטש

הויט וועגערישע בלאָזען־לעדען אונד טענער שוואַכע. ביי סיפֿילים 606—914 פֿריפֿער: היילונג אָהן שפּריצונגען לויט א נייע מעטהאָדע (אַנאַסטאַמאָז). נער שטר. 12 ניבען זעליגס טעאַטער שפּרעכשטונדען פֿון 9—1 אונד פֿון 6—8 נאָכמ. דאַמען פֿון 5—6.

די שעהנסטע

קאַלינראַפֿישע קאָנטאָרסקע שנעל־שריפֿט לערנט אויס דער בעריהמטער פּר' קאַלי־גראַף ל. בערמאַן, זאַוואַדזקאַ 19 אין 15 לעקציאָנען, די ערגסטע צוגראָ־פֿענע האַנדשריפֿט ווערט אויסגעבעסערט אויף דער שעהנסטער שריפֿט, וואָס איז א ציהרונג פֿאַר בוכהאַלטעריע און קאָרעס־פּאָנדענציע. דער פּרייז איז זעהר ביליג. דער וואָס צאָהלט איין פֿאַר 2 שפּראַכען, לערנט איך ראַנדשריפֿט אומזאָנסט. דער וואָס קען נאָרניט שרייבען קען זיך אויסלערנען שרייבען גוט א בריעף אין איין מאָנאַט, פֿאַר ערפֿאָלג ווערט גאַראַנטירט. געדענקט דעם אַדרעס: זאַוואַדזקאַ 19, וו. 1.

ד"ר טראַכטענהערץ

Dr. Trachtenherz

זאַוואַדזקאַ 6. טעל. 84־76.

נעזוו. אַססיסטענט דער פּעטערסבורגער ספּעציעלען שטאַדט שפּיטעלע. ספּעציאַל־אַרצט פֿיר סיפֿילים הויט וועגע־רישע קראַנקהייטען אונד מענערשוואַכע. בעהאַנדלונג נאך עהרליך האַטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריציטעט, שפּרעכשטונדען פֿון 8—2 און 6—9 דאַמען פֿון 4 ביז 5. בעזונדערע וואַרטע־צימער. 1468

Хаимъ Борухъ Горопчикъ

потерялъ свой паспортъ, выдан. магистр. гор. Лодзи. Отдать въ полицію. 166 3 2

גוטע אונטערקעס

בעקומט מען אויף הורט ביי ישראל שמעלצער, פּולנאָצנאַ 5. 178 1

Dr. med. Leyberg

קרוטקאַ 5 טעל. 26־50

ספּעציאַליסט פֿיר הויט, וועגערישע און גע־שלעכטס־קראַנקהייטען. עמפּפֿאַנגט פֿון 1—10 און פֿון 6—8 נאָכמיטאַג. פֿרויען פֿון 5—6, (פֿיר פֿרויען א בעזונדער וואַר־טע־צימער). 5050

ד"ר זילבערשטראָם

Dr. J. Silberstrom

אָרדינ. אים אַמבולאַט. פֿון רויטען־קרייץ

12 זאַוואַדזקאַ 12

הויט געשלעכטס אונד וועגערישע קראַנק־הייטען. (בעהאַנדלונג מיט עהרליך־האַטא (914—606) ערצטליכע קאָסמעטיק. (ענטפֿערנונג לעסטיגער האָרע, פּלעקען א. ז. וו. 12—$2\frac{1}{2}$, 5—8 זונטאַגס 4—11

Тип. М. Гамбурскій и Ко., Лодзь, Петр. 16.

Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Тененбаумъ